# „די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציגע טעגליכע

אידישע צייטונג אין

אייראפא.



## יידישער ארבעטער הילפס קאמיטעט אין ענגלאנד

צו העלפן די יידישע ארבעטער אין אייראָפּע

(רעגיסטרירט אונטער דעם מלחמה־משערישעס אקט 1940)

18/18a, ST. GEORGE ST.,
HANOVER SQUARE, W.1

מיט אלע קאָמיוניקאציעס זיך צו ווענדן צום

ערן־סעקרעטאַר ס. עלשטיין
18, וואָרלאנד רייז, נ.10



## נ י י ־ א י ד י ש   ט ע א ט ע ר

**פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט.. א.1**

דירעקטאָריום: ה. קאָסאָף. ה. רייפּעלזאָן. מרס. שאַפּירא.

משערמאַן: מ. ביטלער. אָנפירונג: **א. מייזעלס.** האָנ. סעק: **א. ביטלער.**

### מאיר צעלניקער

**און די קינסטלער קאָמפּאַניע לויט א״ב:**

**פרויען: אנא בוים. מארי גאָלדשטיין. קלאַראַ מייזעלס. מעטא סעגאל. אנא צעלניקער. מיני שערמאן א.א.**

**מענער: מאָריס אַקסעלראָד, מאַקס בוים. דוד סעגאל, א. פוקס. יאָזעף שערמאַן. נייטען שווארץ. א.א.**

**און די געסט: מרים קאַראַלאָווא און לעאָן בלומענזאָן.**

מוזיק דירעקטאָר: פהיל בערנשטיין.

**יעדן אוונט פארשטעלונג** (פרייטאָג געשלאָסן)

**שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג**

**אוונט 7.**




# לשון און לעבן


**חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור. טעאטער. קונסט און קולטור.**

**זעקסטער יאָרגאנג**   איגוסט, 1946, לאָנדאָן   **נומער 8** (העפט 79)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה א ל ט:


דערלעבט יושר געפיל און גאולה — ** . . . . . 1

צו מיין טאָכטער (ליד) — ר ח ל   ק אָ ר ן . . . . 5

יזכור נאָך חנה קאַוואַלסקי ע״ה — מ ש ה   ע ו ב ד . . 6

די חתונה (בילד) — ח נ ה   ק אַ ו ו ל ס ק י . . . 10

א ווילדע נאכט (סקיצע) — א ב ר ה ם   פ י נ ח ס   צ י ק ע ר ט . 11

אַ לאַנד וואו עס רינט אייל און בלוט (צו די געשעענישן אין ארץ ישראל) — נ ח ו ם   ש ט ע נ צ ל . . . . . 15

איינער פון די „400" (די מיבה פון חורבן אַמאָל און היינט) — ה ר ב   ד ו ב   ו ו אַ ר ש אַ ו ו ס ק י . . . . 17

פארוואָס האָבן מיר מאַרשירט (אַ רעדע) — א ל י ה ו   פ אַ ל י ש אַ ק 22

בוי חלוץ בוי! (מוזיק) — י.   ב י אַ ל ס ק י . . . . 26

משיח און זיין אייזעלע (סאָנעטן) ביי דער „בייכטע" פון פאָן פאַפּען (צייט־ליד) — א. נ.   ש ט ע נ צ ל . . . 27

אין אַ זומער פרימאָרגן (אַ מאָנאָלאָג) — ו ו אָ ל ף   ר י ו ו ק י ן . 31

דאָס חתונה בית הקברות׳ל (באַלאַדע) — י ו ס ף   ה ל ל   ל ע ו ו י 34

אונזער נייער פּראָבלעם (פעליטאָן) — ק י ט י   ב ר אַ ו ן . 37

אַ גאַסט אין לאָנדאָן (אינטערוויו) — י.   ב י ע ט ש . . 40

ישראל זאַנגוויל (צו זיין 20־טן יאָרצייט) — ל.   ב.   ה ע ר ו ו אַ ל ד 44

יידישע בילדער אין דער רוסישער מוזיק — ב אָ ר י ס   י אַ ג אָ ל י ם 47

„געזאַמלטע לידער", די פּאַריזער ס׳ק׳י׳ף־קינדער — א.נ.ש. . 49

אין די זיבעציקער... — א י י ז י ק   ג אָ ל ד ב ע ר ג . . 52

פון יידישן פאָלקס־מויל — ש ל מ ה   ג אָ ל ד ע נ ב ע ר ג . 56

לשון און ליטעראַטור פון די מזרח־אשכנזים . . . . 58

יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (אויפרוף) — י י ו ו אָ . 59

פאַרבאַנד פון ווילנער יידן אין פוילן (אויפרוף) . . . 60

ידיעות מארבע כנפות הארץ . . . . . . 60

קולטור ידיעות פון דאָ . . . . . . 63

מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס . . 64



**פרייז 1 שילינג**

**אבאָנאמענט פאר דער יאָר 13ש.און 6פ.**

אַדרעס פון רעדאַקציע

„לשון און לעבן", נאָראָד־פרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

## צו די לייענער פון „לשון און לעבן"

1. דאס פריערדיקע שטענצל־העפטל דער איצטיקער זשורנאל „לשון און לעבן", וועלכן מען האט פריער נאר געקענט קויפן אויף פארזאמלונגען, אדער מיר ליד פון מיטגלידער פון „פריינט פון יידיש לעבן" קאן מען איצטער קויפן כמעט אין אלע בוכהאנדלונגען אין ווייטשעפל, ווי מאזין, שאפיראָ־וואלענשטיין עט קאמפ., מרס. נאלוב, און אין פויעלס בוך־האנדלונג, טשע־רינג קראס רויד, ווערסט. איר קענט אויך קריגן צוגעשטעלט מיט דער פאסט דירעקט צו זיך אהיים דורך ווערן אבאנאמענט. איר ברויכט נאר אריינצושיקן אייער אדרעס מיט באצאלונג פאר א יאר אדער האלב יאר צום סעקרעטאר פון „פריינט פון יידיש־לשון".

2. אונזערע חשובע אבאנענטן, וועלכע באקומען שוין צוגעשטעלט זייט אייניקע חדשים אונזער זשורנאל און האבן נאך נישט באצאלט דעם אבאָ־נענטס־פרייז, בעטן מיר זייער צו צושיקן די באטרעפענדע סומע:

אבאנענטס־פרייז: —13/6 פאר א יאר;
6/9 פאר א האלב יאר;
3/6 פאר 3 חדשים.

ווענדט זיך אין אלע ענינים צו אונזער סעקרעטאר א. פאלושאק.
**E. Paluszak, 64, Lauriston Rd., E.9.**

3. מיר בעטן אונזערע פריינט און ליבהאבער פונם יידישן ווארט זיי זאלן אונז העלפן אין צושיקן אדרעסן פון זייערע באקאנטע און פריינט, וועלכע קענען האבן אן אינטערעס פאר אונזער זשורנאל און אזוי ארום שטארקן אונזערע קולטורעלע ארבעט. איר קענט פארשטיין, אז ביי אונזערע לאקאלע באדינגונגען, האבן מיר נאך נישט דעם נויטיקן אדמיניסטראטיוון און טעכנישן אפאראט, וואס מען ברויך צום אויסבוי פאר אזא ליטעראַרישן חודש־זשורנאל „לשון און לעבן", וואס האט זיך דורך די אלע שווערע מלחמה יארן מיט אזוי פיל הארמאָניע און מי איינגעווארצלט אין אונזער ארימען ישוב. און וואס האט געפונען א גוטן אפקלאנג אויך מחוץ ענגלאנד און מוז ווערן דער קנין און דאס גייסטיקע אייגנטום פונם יידיש־רעדנדיקן ענגלאנד.

4. יעדער לייענער פון „ל ש ו ן  א ו ן  ל ע ב ן" קאן אויך צושיקן **לשנה טובה וואונטשן** פארן קומנדיקן (סעפטעמבער) ראש השנה־נומער. פרייז פון א באגריסונג — פון 10 שילינג ביז א פונט, לויט דער גרויס פון דעם אנאנס. יעדע באגריסונג פון א פריינט און יעדער צוגעשיקטער פונט אדער 10־נער שילינג וועט זיין א בוי־שטיין פאר אונזער זשורנאל „לשון און לעבן".

די רעדאקציע.

TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זעקסטער יארגאנג | אויגוסט, 1946, לאנדאן | **נומער 8** (העפטל 79)

## דערלעבט יושר געפיל און גאולה

I

פאר וועמען די יידישע געשיכטע איז איין גאנצקייט פון און פאר אונזער עקזיסטענץ, פאר דעם איז זי די ראם ארום דער קאנווע, אויף וועלכער דאס יידישע בילד שטריקט זיך; פאר דעם איז דער באפרייאונג־געראנק וואס ציט זיך דורך אונזער געשיכטע — דער הויט־השדרה אונזערער! צומאל די „פאלשע משיחים" אונזערע איבערגעריסענע אינמיטן זייערע געשטריק, אינ־מיטן זייער געהעפט. בלייבן באהאפטן מיט אונזער געשיכטע, זיי זיינען ווי טרוימער איבערגעריסענע אינמיטן א זיסן חלום. און אין תוך גענומען, איז עס אפשר קיין גרויסער חילוק נישט פאר דעם זיך שטריקנדיקן און זיך שטיקנ־דיק נצחיות־בילד וואס העפט זיך אויף די אייביקע קאנווע־לעבער פון דער יידישער געשיכטע. און זיינען דען נישט די „בריונים" געווען שפייז פאר אונזער אוואנטוריסטיש יונגרליכע פאנטאזיע, נישט ווייניקער ווי יבנה מיט אירע חכמים פאר אונזער מיושבדיקן גייסט.

וואָרים וואס איז דען געווען און איז נאך עד היום, דער כוח פון דער יידישער עקזיסטענץ און דער נצחיות־גלויבן? עס איז אונזער קינדלעך־תמימותדיקער גערעכטיקייטס־געפיל! עס איז דער פארעקשנטער יושר־געפיל, וועלכער מאכט דעם בעוולטן שטארקער און אויסדויערנדיקער איבערן מנוול און גיט דעם שקלאף דעם געוואלטיקן כוח אראפצוווארפן דעם אכזר און באדריקער. — —

אויב ס'איז פאראן יושר אינם מענטשלעכן לעבן, צי צומאל אין דער נאטור, דאס איז אן ענין פאר פילאזאפן און פאר פיזיקער זיך צו חקרנען און צו עקספערימענטירן; אז „מאכט איז רעכט", איז סוף כל סוף, אויך נאר א ברוטאלער עקספערימענט פונם אכזר און די חקירה פונם ביטראק — דעם פאליטיקער בלע"ז.. זיכער איז עס נאך לגמרי גארנישט!

אבער אז ס'איז פאראן א יושר געפיל דאס קאן שוין קיינער נישט אפ־לייקענען; אחוץ דער וואס פילט עס נישט.. די פראגע איז נאר וויפיל מסירות־נפש מ'קאן דערפאר איפברענגען און וויפיל אויסדויער.

אט־א, דאס יושר געפיל, דאס נישט קאנען פארליידן קיין עולה, די קינדערלעכע עקשנות זיך צו האלטן ביי ס'זייניקע און אויף יעדן פאל נישט נאכצוגעבן; דער בלינדער מסירת־נפש דעם מנוול צו וועלן בכל אופן בייקומען,

דאָס איז דער אויסרויער פון אונזער דור־דורותדיקער עקזיסטענץ, פון אונזער נצחיות.

דאָס בלינדע „תמות נפשי עם פלשתים"־געפיל, דאָס נישט קענען צוקוקן זיך, מיט אָפענע אויגן, צו אַן אומגערעכטיקייט וואָס ווערט איינעם אָנגעטון, דאָס ערלעכע יושר־געפיל איז דער ערשטער שטאַפּל צו גלויבן אין גערעכטיקייט בכלל — פון אַזעלכע שופטים ווערן מיט דער צייט נביאים! די זעער פון אַ קומענדיקער צייט פון כולו יושר און רעכטפערטיקייט, פון אַ צייט ווען ס'וועט זיין „וגר זאב עם כבש".

און זיינען דען „יבנה וחכמיה" עפעס אַנדערש דען, ווי אויף ישיבה־און בתי מדרשים־בענק אויסגעוואַקסענע, גייסטיק מיושבדיקע „בריונים"? סיגופימדיק און מסירת־נפשדיק, מיטן טרוקענעם שטיקל „פת במלח" וועסט דו זיך דערגריבלען צום תארץ פון דער גערעכטיקייט, וועסט דו זיך דערלערנען און מַשיג זיין, פאַרוואָס די געשעענישן אין דער וועלט זיינען רק אַזוי און דיינע טענות וועלן געשטילט ווערן און דעמאָלט וועט דיר זיין „אשריך וטוב לך". דער בלינדער האָס אַרבעט זיך אַדורך פון אַ באַליידיקט יושר געפיל, צו אַ גייסטיק־גייסטלעכע עטיק; צו הכנעה נישט פאַרן שטאַרקן נאָר פאַר דער אַלץ זעענדיקער און פאָראויסזעענדיקער השגחה — פאַר דער געטליכקייט!

וויפיל מאָל איז אונזער וואונדערלעך ייך שטריקנדיקער אין זיך העפטנדיקער געשיכטע, אַז מיר האָבן געמיינט אַט־אַט און מיר ווערן דערשטיקט, אַט־אַט און אונזער לעבנס־פאַדעם ווערט איבערגעריסן, נישט אויסהאַלטנדיק מער די עולות וועלכע ווערן אונז אָנגעטון און דווקא דעמאָלט באַהעפטן מיר זיך אין איין ליכלעך בילד אין איין באַוואונדערדיקע וואונדערלעכקייט.

און וואָלט דען דער חסידיזם, די גרויסע גייסטלעכע און גייסטיקע פאָלקס־באַוועגונג זייט דעם זמן התלמוד, — די גרויסע דערלעבענישן אונזערע פון פרייד און פון תענוג הרוחניה! — באַשאַפן געוואָרן, ווען נישט די לעצטע פאַלשע משיחים, שבתי צבי און יעקב פראַנק, וועלכע האָבן דורכאויס נישט געוואָלט מותר זיין מער אויף פרייד און לעבנס־נענוס, פון וואָס דער ייד האָט הונדערטער יאָרן, פאַרשלאָסן אין די מיטלאַלטערלעכע געטאָס אַזוי ווייניק גענאָסן — און וואָס דער ייד איז אַזוי מאוס און פינסטער בע'עולט געוואָרן?

ווי זיוו־השכינהדיק האָט עס אויפגעשיינט און הימליש געלויכטן, דאָס באַנאַלע גופניותדיקע יושר־געפיל. דאָס פּיזיש לייכטזיניקע וואָאַנטוריסטישע דערלעבעניש פון די פאַלשע משיחים, אין דעם מעמקים'דיקן און אין סופיקן פונם בעל שם טוב און זיינע תלמידים, עס איז נתעלה געוואָרן און זיך גערייניקט צו קדושה און טהרה, צו פאָלקסטימלעכע הייליקע כנופיות און חברותות, פול מיט שמחה של מצוות און אהבת ישראל.

ח

אין דעם צוזאַמענשטויס פון סאָציאַל־קאָלעקטיוויזם און נאַציאָנאַלן קלימאַקס פון אונזער עפּאָכע, וועלכער טרייבט די פעלקער צום פאַשיזם און סאָ־



ציאַליזם, אין דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערישן דערלעבעניש פונם 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט, האָט אויך אונזער יושר־געפיל אויפגעוואַכט—און ווי געוואַלטיק! אין איגם געברויז פון די ביידע שטרעמונגען ווי האָט אונזער יוגנט זיך בלינד אַריינגעוואָרפן אין די רייען פון די סאָציאַלע קעמפער און אין די חלוצים־באַוועגונגען. עס איז געווען און עס איז נאָך אַצינד דאָס בע'עולטע בלוט אונזערס געהאַסט און פאַרנאָסן, — ווי אויסן גבוזרדן־שטיין האָט מען אונזערע קעמפנדיקע יוגנטלעכע געקוילעט און זיי נישט ביינעקומען! — און דאָס נביאישע בלוט אונזערס רייסט זיך נאָך אַלץ מיטן געשריי פון יושר געפיל און גערעכטיקייט־גלויבן; דאָס ביסעלע וואָס איז געבליבן, דער „במתי מעט" קעמפט ווי די צוויי ווילד געוואָרענע ברידער שמעון ולוי, פאַר דער מאוסער עולה וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן זייער געשענדעטע אומה — — —

אָ, אַז אַזאַ בלינדן יושר־געפיל פאַרמאָגט נאָך אונזער יוגנט, אַזאַ קינדלעכן גערעכטיקייט־גלויבן; אַ פאַרעקשנטקייט, וואָס מאַכט דעם באַ'עולטן שמאַרקער און אויסדויערנדיקער איבערן אכזר און מנוול, אַזאַ וואָאַנטוריסטישן כוח וואָס גיט דעם שקלאַף די איבערמאַכט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם טיראַן און דעם באַדריקער — — —

אַז מיר האָבן נאָך אַזאַ יוגנט לינקס און רעכטס, סיי אין אונזערע סאָציאַלע רייען און סיי אין אונזערע נאַציאָנאַלע, — אָ, דאָס ווילדע געבוואַליע און געברויז, אַז ביידע שטראָמען פאַרמישן זיך אַזש.... — די יידישע בחורים אין דער רויטער אַרמיי און די יידישע פאַרטיזאַנער און פאַרטיזאַנקעס גרופּן אין אַלע לענדער און אין אַלע אונטערגרונט־באַוועגונגען פון איין זייט און די חלוצישע גרופּן וועלכע רייסן זיך איצט אויף אַלע וועגן און אויף אַלע ימים מיט מסירת־נפש און אָפּעראָוויליקייט „עולה" צו זיין — — —

נישט נאָר דערלעבן מיר אַצינד אויפסניי און לייבהאַפטיק אונזער באַפרייאונגס־געדאַנק, אונזער עכט און נאַטירלעכן יושר־געפיל, נאָר ווער קאָן דען יעצט נאָך אָפּלייקענען אונזער מסירת־נפש און וואָאַנטוריסטישן אומקום, אונזער קדושים־דיקן אויסדויער; ווער קאָן נאָך יעצט אָפּלייקענען אונזער בלינדער שנאה צום מנוול, אונזער פעאיקייט צו גערעכטיקייט און עכטן שופטים'דיקן „תמות נפשי עם פלשתים". — —

אַ פאָלק וואָס קאָן נאָך האָבן אַזאַ בריונים־דערלעבעניש, אַזאַ תמימותדיק־קינדלעך יושר־געפיל, אַזאַ פאָלק גייט נאָך נישט אונטער! „מעז יצא מתוק".

דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־געדאַנק פונם ציוניזם, אין אַלע זיינע פאָרמען, געהער צו אָט דעם דערלעבטן יושר־געפיל. און ווען ביי איינציקע זייערע „מעמכבערס" און פּאָליטישע „אַפּישלם" הייסט עס: יעצט איז דער צייט־פונקט געקומען, עס האָט געשלאָגן די 12־טע שעה פון ענטווידער אַרער, אָדער מיר ווערן „ככל הגוים", אָדער מיר גייען אינגאַנצן אונטער.. הייסט עס ביי דעם יענעם, ביי דעם, וועלכן איז מיט אַריינגעהאָפטן אינם יידישן בילד, אינם ראָס פון דער יידישער געשיכטע, הייסט עס ביי יענעם וואָס איז באַהאָפטן מיט דער יידישער עקזיסטענץ און וויל בכל־אופן עקזיסטירן, נישט

דווקא אויף „באשטימטע“ באדינגונגען, — הייסט עס: אויב דער זיסער חלום איז איבערגעריסן, איז נאָך דער חוט־השדרה אונזערער נישט איבערגעריסן!

יאָ, פאַר יענעם ציוניסט, וואָס ציוניזם מיינט: צונישט מאַכן אַלץ וואָס איז יידיש, וואָס איז יידיש שאַפן, יידישער קולטור, יידישן גייסט און גייסט־לעבקייט, יענער צוניסט איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. פאַר דעם „ציוני־איסט“־צונישט איז דאָס יידישע פאָלקסטימלעכע קאָלעקטיוו באַפרייאונג־דערלעבעניש פונם 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט נישט מער געווען ווי אַ פּאָר סאָלדאַטסקע־שטיוול: אַנדערע בתורים, ביי אַנדערע פעלקער האָבן סאָלדאַט־סקע שטיוואַליעס, וויל ער אויך האָבן „ונהיה ככל הגוים“ — יאָ, אַ קינדלעך יושר געפיל איז אין דעם אייך פאַראַנען... עס איז אָבער דער פאַלשער משיח, וואָס מוז סיי ווי סיי ענדיקן מיט ענטרינען, מיט אַנטלויפן פון יידישן פאָלק און פון אַלץ וואָס איז יידיש. נים אים אַ פּאָר סאָלדאַטסקע שטיוואַליעס און ער לויפט „אַמאָק“, ער לויפט קיין פאַלעסטיין — אויך אין פאַלעסטיין קאָן מען אַוועקלויפן... ער לויפט אין בלינדן טויט פנים אל פנים. און אויב עס גיט זיך נישט איין אַנטליפט ער אינגאַנצן — דער ציוניסט!

אמת, גלות איז שוין איינמאָל אַ פאַרביטערט יושר־געפיל פאַר וועלכן עס לוינט צו קעמפן, אויף טויט און לעבן. אָבער וואָס איז מיסטיינסנעזאַנס, „יציאת הגלות“, אין אַ פּאָר סאָלדאַטסקע שטיוול, אַנטקיינגן אָן אימפּעריאַלע מאַכט, וואָס איז דאָס נאַקעטע קינדלעכע געפיל אַנטקיינגן ראַפינירטער גרויס־פּאָליטיק. ווען דאָס פאָלקסטימליכע גלות געפיל ווערט נישט מגולגל אין גע־לייטערטער גאולה?

ווי סגופימדיק און יסורים'דיק, ווי מיושבדיק דאָס גלות געפיל איז דאָס פאַראינערלעבט און געשטילט געוואָרן אין אונזערע תפילות, געהאַרטעוועט אין יסורים און גלגול־שלג סיגופים פון די בעלי קבלה און מלכותדיק דער־הויבן און נתעלה געוואָרן אין געזאַנגען פון פּיטנים און דיכטער. עס וועט נישט פאַרקלונגען ווערן אין פּאָליטישע פראַזן פון פּאָליטיקער „אַפּישל“ און אין פּושקע נעקלאַנג פון די כלערליי „אַפּיעלס“.

פּאָליטישע דעקלעראַציעס און רעקלאַמישע בלאָפס, וואָסער ווערט האָבן זיי אַנטקיינגן איין „אלי ציון“ פון יהודה הלוי? און וואָסער כוח קאָנען האָבן אַלע אַטאָם־באָמבעס ענערגיען איבער אַ פּיצעלע ערד באַארבעט מיטן שוויים פונם פנים פון אַן א. ה. גאָרדאָן?

מיר גייען נישט אונטער! אונטערערדיש, מעמקים'דיקער טיפער וועט נאָר זיין אונזער נעוואַלטיק דערלעבט יושר־געפיל, און געטובלט אין טבילה־בלוט פון אונזערע מיליאָנען קדושים, וועט עס אַרויסקומען נאָך געלייטערטער און הייליקער. אַ ווייאַיקער חבלי־לדה־וועג איז דער בלוטיקער און קינדלעך דערלעבטער יישר געפיל, וועלכער פירט צו גאולה, עס איז דאָס געהאָפטע בילד אין דעם ראָם פון דער יידישער געשיכטע, אויסגעהאָפטן מיטן ווייס־געוואָ־רענעם פאַדים פון אונזער חוט־השדרה...



# רחל קאָרן

## צו מיין טאָכטער

כ'האָב דיך געפירט פון לאַנג, ווי אונטער יערן שריט
עס שפּריצט צעריסענע ערד מיט בלוט, מיט שרעק, מיט גרויל,
וואו ס'איז אַ גנאָד דער גיבער, אומגעריכטער טויט
און ס'בענטשט איר קינד אַ מאַמע מיט אַ שאַרפער קויל.

ס'האָבן די בליענדע אַקאַציעס אַרויסבאַגלייט דעם הימל
באַגלייך מיט אונדז אויף וועג דעם גע־זונדן, שווערן
אין יענעם טאָג — און זייער זיסער רוישנד־שווערער רייך
האָט שוין געשטיקט די לופט מיט קומענדיקע טרערן.

עס האָט געפעלט מיר מוט אַ קוק טאָן אויף צוריק,
און, אַז כ'האָב בלויז אַמאָל אין טרוים דערזען מיין היים
און מיין מאַמעס פנים — זיינען גראָ געוואָרן מיינע שלייפן
און ווי ביים ווייב פון לוט מיין האַרץ פון זאַלץ אַ שטיין.

און כ'ווייס נישט מער פאַר וועמענס לעבן כ'האָב צו בעטן,
כ'ווייס נישט דורך וויפל קברים כ'בין געגאַנגען נעוואָרן דער ערד.
ביי וועמענס טיר עס וועט זיך אָפּשטעלן מיין מידער טראָט,
ביי וועמענס טיר צו פאַלן עס איז מיר באַשערט.

נאָר דו און איך — מיר איינציקע און לעצטע פון אונזער גאַנצן שטאַם
איך האָב דיין יונגט אַנפאַרטרויט אַ מזלדיקן שטערן,
ווי ס'האָט מיין מאַמע אַנפאַרטרויט איר נאָם די שטילע תפילה,
ווי ס'האָט מיין באָבע אַנפאַרטרויט איר האָר די הייסע טרערן.

נאָר דו און איך — און טאָכטער וועל איך ניט דערגיין,
ווייגט דאָך מיין מאַמעס תפילה אין דיין בלוט,
עס צייטיקט זיך אין דיר מיין באָבעס נאָמען: „חיה“
און ס'צייטיקט זיך אין דיר מיין נישט פאַרענדיקט ליד.

פּוילן, 1941.

---

צונעשיקט פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

## משה עובד

# יזכור נאך חנה קאוואלסקי ע״ה

אז דער גלות צומישט און פארפלאנטערט דעם מות, אז ער צוביינט און צעמזיקט דעם גוף, אז ער צעשטעכט און צערייסט דאס הארץ, ווייס די גאנצע וועלט, און מיר יידן נישט נאר מיר ווייסן עס, נאר מיר פילן עס טיף אין זיך אין נאכט און ווייט ארום זיך וואו מ׳זאל זיך נישט ווענדן און קערן.

אבער נאך וואס עס דערציילן, עס איז דאך אזא אמת׳איזם, אז ס׳איז פשוט א שטות עס איבערצוחזרן.

וואס אבער גאנץ ווייניק ווייסן איז דאס א דאנק דעם גלות. א דאנק דעם וואס מיר מער ווי אלע פעלקער האבן געהאט די געלעגנהייט צו אסימילירן אין זיך קלאנגען, סטילן, שפראכן און קולטורן פון שבעים לשונות ומדינות, האבן מיר טאקע בכל דור ודור געקאנט ארויסגעבן פון זיך יחידי־סגולה, רייפע וועלט־גאונים וואס האבן גובר געווען דעם כאאס פון גלות. און אין דעם דזשאנגל פון אונזער גלות־היסטאריע אויסגעטרעטן וועגן פון רעטונג נישט נאר פאר די פארוואגלטע שעפעלעך נאר אויך פאר די פארצוקנדיקע חיות.

ווען איר זאלט נישט דערמאנען פון אונזערע אונשטערבליכע ריזן, פון משה רבנו ביז דעם רמב״ם, פון ר׳ יהודה הלוי ביז מארקס, הערצל, ביאליק, זיינען זיי אלע פירות פון דעם מעכטיקן אונפארוועלקבארן עץ־ישראל וואס זיין צענטראלער שטאם איז ארץ ישראל אבער זיינע ווארצלען און צווייגן נעמען ווי דער אל־ישראל ארום דעם ערד־קוגל, זיי באפרוכפערן, באזינגען די גאנצע וועלט, און זיי ווערן אין דער זעלבער צייט באפרוכפערט, באזוינגט און באפרוכטבארט פון דער זעלבער גאנצער וועלט.

און איינע פון די זעלטענע געזונטע און רייפע גלות־פירות איז געווען די מאלערין און שרייבערין חנה בת הרב יהודה ליב מולאצלאוועק, במדינת פוילן.

ווי האט חוה אויסגעזען ?

— די הויט פון איר פנים איז געווען ווייס ווי יראה און לויטער ווי קדושה. אירע גלאטיק ארויפגעקעמטע האר האבן שווארץ געגלאנצט ווי א זיידן קאפעלע אויפן קאפ פון א עילוי. און אירע שווארץ־ווייסע אויגן האבן געשיינט מיט דער רויטליבער ליידנשאפט פון מזרח און מיט דער קריסטאלענער לאגיק פון מערב.

אירע רייד האבן זיך געוויגט אויף אירע צארטע ליפן און אירע לעפצן זיינען געווען געזאלבט מיט די זאפטן פון תורה און מיט די וואסערן פון טעאריע.

תנ״ך און ר׳ יהודה הלוי׳ס שירים האט זי געקאנט כמעט פון אויסווייניק און די מאדערנע יידישע ליטעראטור האט זי גוט געקענט פון אינעווייניק. זי האט באהערשט רוסיש, פויליש, דייטש און פראנצויזיש און אליין געווען א גוטע מאלערין און אן ערליכע קריטיקערין פון מאלעריי און פון לעבן.



חנה קאוואלסקי און ברוך ווינאגראדאוו

עפעס א וואונדער דאס אזעלכע מילגרוימען קענען נישט ארויסוואקסן פון אנדערע נאציאנאלע ביימער ? זיי זיינען דאך לאקאליזירט אין ענגן נעאגראפישן נאציאנאלן שטח זיי קענען דאך מיטן וועלט־אל נישט זיין ארגאניש פארבונדן ווי די אויסדערוויילטע פון אונז קענען עס זיין.

אין א פרילינג פון 1939 בין איך געווען אין פאריז און געהערט ווי חנה האט גערעדט פאר א גרויסן עולם פראגרעסיווער יוגנט איבער די ענטוויקלונג פון מאלעריי.

עס איז געווען א פרייטאג צונאכט. די שכינה יתירה האט אויף איר גערוט. מילעניומס פון שבת ליכט האבן געשיינט פון אירע אויגן. און מיט איר איידל געבויגענע נאז און פלאטערנדיקע נאז־פליגלען האט זי אויסגעזען ווי א ראפינירטער נשר־ישראל, וואס איז צוריקגעקומען פון א לאנגע רייזע און דערציילט אירע קינדער פון ערפארונגען און וועהונגען פליענדיק פון איין עק וועלט ביזן צווייטן עק וועלט.

איר געשטאלט האט שוין אזויפיל גערעדט דאס ס'איז מיר געווען שווער תופס צו זיין דעם תוכן פון אירע רייד.

און איצט אביסל וועגן חנה'ס אפשטאם. אבער טאקע נאר אביסל:

איר פאטער איז געווען כל ימיו רב אין וולאצלאוועק, א שיינע שטאט ביי דער ווייסל; א קליין אריסטאקראטיש ווארשעלע, נישט ווייט פון קוטנא.

אין אנפאנג פון אונזער פארגוואלטיקטן יאר הונדערט האט דער וולאצלאוועקער רב געשמט דערמיט, וואס ער האט געוואגט עפנטליך צו פרעדיקן און צו ארבייטן פארן ציוניזם. ער איז אויסגעשטאנען נישט קיין קליינע צרות פון די אסימיליאטארן און פון די רעליגיעזע און פריידענקענדיקע פאנאטיקער. ער האט אבער געהאט א שטארקן כאראקטער און זיך נישט געבויגן און געבוקט פאר זיינע קעגנער.

זיין הויז איז געווען א ביתועד לחכמים. איך אלס בחורל פלעג דארט, אין 1903, אריינקומען אין הויז, און זיך חבר'ן מיטן עלטסטן זון וואס איז ליידער פריצייטיק געשטארבן.

ווען שלום אש איז געווען לערער אין וולאצלאוועק. אין יאר 1898, האט ער געלערנט ביים רב און טאקע דארט אויף דעם קיך־טיש געשריבן זיין ערשטער דערציילונג אין יידיש, זיין „משהלע“.

אין 1900 האט אש געשריבן אוים ווארשע צו די רביצין זי זאל זיך למען השם, תיכף מרחם זיין אויף זיין מוזע און אים שיקן נאך ווארשע דעם טיש, ווייל אויף אן אנדערן טיש קען ער נישט שרייבן. און די לעגענדע דערציילט ווייטער דאס טאקע אויף דער רביצינס קיך־טיש האט ער אויסגעווונגען זיין „שטעטל“.

איך געדיינק נישט צו חנה איז שוין געווען א געבוירענע אין 1903. אויך קען איך זיך נישט דערמאנען די געשטאלט פון דער מוטער. איר קול קלינגט מיר נאך אין די אויערן. איר יידיש ריידן האט געקלונגען אזוי הערלעך, אזוי באפרייט און אלע שטובן האבן אפגעקלונגען. דאס הויז איז טאקע געווען דער „בעלפריי“... דער גלאקן טורם פון וולאצלאוועק.

ווייל אין דעם הויז האט אויך געקלונגען דאס ווארט פון די פארווירקלעכער פון נאציאנאלע און סאציאלע משיחישע אידעאלן. חנה אלס קינד האט



זיך צוגעהערט צום ניגון פון מתמיד, צום שלש־סעודות זמירות, ווי אויך צו די קלינגנדיקע טריט פון די חלוצים פון פאלק און וועלט דערלייזונג.

אין דעם הויז פון רב פלעגט אויך אריינקומען ר' יעקב אונגער, דער דיין פון שטאט. אים האב איך גוט געקאנט נאך פון אשענטשין ווען איך האב דארט ביי אים א טאג געגעסן אלס יינגל. ער האט געהאט א שארפן מוח, און א מעל־געוועלב. ער וואלט געקאנט מיט זיין שארפן מוח אויסהאלטן פון א בארג שווארצע ווימען א זאק ווייסן מעל. ר' יעקב אונגער האט געעפנט זיין מעל געוועלבל מיט א שווארצער גרויסער בארד, מיטאג צייט איז שוין די בארד געווען ווייס ווי אברהם אבינוס... אזוי טיף פלעגט ער זינקען די בארד אין די זעק מעל, און אזוי טיף פלעגט ער זיך באדן אין ים התורה.

ר' יעקבס מוח איז געווארן געשליפן אויף אלע רעדער פון וואנדערונג, אזוי דאס ער איז שוין געווען צו שארף און צו איבערשפיציק. ער האט נישט גערעדט נאר געפשטלט, און אזוי שנעל, דאס מ'האט געדארפט האבן הונדערט אויערן צו דערכאפן און זשעסטיקולירט אזוי פלינק, דאס מ'האט געדארפט האבן הונדערט אויגן צו דערזען.

ווען ער איז געווארן דיין אין וולאצלאוועק איז ער נאטירלעך געווארן אן אפטער נכנס בית ביים רב.

דער ר' יעקב אונגער איז אויך געווען א בארימטער שאכמאטיסט. אז ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים שאך ברעטל איז געווען ממש סכנות נפשות! פערדלעך זיינען געפלויגן איבער קעפ פון מלכים און מלכות. זקנים זיינען געשפרונגען, טורעמס האבן געציטערט! זעלנערלעך האבן געמאכט רעוואלוציעס און ס'גאנצע ברעטל מיט אלע פיר און זעכציק מדינה'לעך האט געברענט און געפלאטערט. וואס, אומשטיינסגעזאגט פאר א משגנם האט דער שכל הישר פון אזא וולאצלאוועקער רב געקענט האבן קעגן אזא אפאנענט מיט אזעלכע פשטלדיקע פייערדיקע פלפולדיקע קאמבינאציעס? א שאד דאס אין אונזער מאדערנער ליטעראטור וואס איז רייכלעך אין געשטאלטן פון צדיקים, פעלט לחלוטין אזא פארטרעט פון חריפים.

חנה האט אבער געהאט ס'גליק צו בעאבאכטן און צעמאלן א בילד, ווען בלויז אלט זעכצן יאר, ווי ר' יעקב אונגער שפילט שאך מיט איר פאטער.

דאס בילד האט שטארק אויסגענומען ביי פראפעסאר גליצענשטיין און מ'האט זי געשיקט נאך בערלין שטודירן מאלעריי.

אפגעוועזן אומגעפער צען יאר אין בערלין און איז אוועק נאך פאריז שטודירן און פראקטיצירן די בארשט און פעדער קונסט. אין פאריז איז זי געווארן שטארק באאיינפלוסט, אביסעלע פון שאגאלן נאר היפשוועכלעך פון דואניע רוסא. אבער איר פערזענלעכקייט האט זי נישט מקריב געווען. אירע בילדער ווי זי דריקט זיך אוים אין א בריוו צו מיר זיינען א סינטעז: „וולאצלאוועק־פאריז“.

אנפאנג די דרייסיקער האט זי געהייראט דעם קאמוניסט און קריטיקער



די חתונה פון חנה קאוואלסקי

ברוך ווינאגראראוו. ווען די דייטשן האבן דערשאסן ווען זיי זיינען אריין נאך פאריז.

אין 1938 האט חנה שטארק געוואלט קומען נאך לאנדאן דא האבן אן אויסשטעלונג. ליידער האט זיך מיר נישט איינגעגעבן צו קריגן פאר איר א וויזע ווייל זי איז געווען נאטירט אויף דער שווארצער ליסטע אלס א רויטע קאמיוניסטין!

עטליכע וואכן פאר דער מלחמה האט זי מיר געשיקט דאס פאלגענדע ליד. ס'קען זיין דאס זי האט נאך שירים געשריבן אבער ווי ווייט מיר איז באקאנט איז עס דאס איינציקע:

## משה עובדין

מיינע פארבן וויל איך אויסטוישן אויף קלאנגען,
און זינגען און שפילן צו דיר,
מיט די וואונדערליכסטע יידישע געזאנגען
באגלייט מיט טענץ און טאצן און מיט פלייטן־קלאנגען,
ווי דבורה און ווי מרים'ס־שיר.



ווי פרישער טוי ביסטו אויף מיין הארץ געפאלן,
און צוזיים די נעפלען פון מיין פיין.
זיי געזאלבט מיט בשמימדיקע קוואלן,
זאל דיין ווארט אין טיפע תהומות פאלן
און טראגן ליכט און לויטערן פרימארגן־שיין.

זיי געבענטש מיין ברודער און מיין פריינד.

דיין

חנה.

אין 1943 האבן די נאצים זי פארשלעפט פון פאריז — — וחנה איננה... און חנה איז נישטא. אבער אין גן־עדן פון דער כנסת ישראל איז זי דא דא לעבט זי און וועט אייביק לעבן בלייבן.

# אברהם פינחס ציקערט

## א ווילדע נאכט
(א סקיצע)

דער באראק איז געווען איבערפולט מיט מענטשן אזוי שטארק, אז ס'איז נישט מער געווען קיין ארט פאר דער לופט מיט וועלכע די מענטשן האבן געברויכט זייערע לונגען צו באשפייזן. ווי פולגעפילטע זעק, זיינען מענטשן געזעסן אויסגעזעצט איינער צווישן דעם אנדערנס פיס. און ס'איז קיינעם פון די צוועלף הונדערט מענטשן נישט געקומען צומאל אויפן געדאנק, אז איצט שלאפן נאך ערגעץ מענטשן מיט א רואיק און זיכערן שלאף. און די וואס שלאפן איצט אונטער אן איינענעם דאך, וועלן נאך מארגן אויפשטיין אויסגערוטע מענטשלעך סיטואירטע, וועלן ערלעדיקן זייערע געשעפטן, און אין אוונט, ביי א געמיטלעך גלעזל־טיי, זיך צוהערן ווי לאנדאן אדער מאסקווע גיבן איבער די ניהנומדיקע פיין פון די דא'איקע. דעמאלט וועלן יענע מענטשן א קרעכץ טון, אדער צומאל דאס אויך נים. נאר וועלן אפלייקענען און זאגן אז דאס אלעס איז נישט מער ווי גרויל־פראפאגאנדע. וועגן אט יענע מענטשן האט איצט קיינער אין באראק נישט געקלערט אדער צומאל געטראכט. ס'איז געווען א פיל וויכטיק פראבלעם די שיך — וואס איינער האט געשענקט דעם צווייטן אין הארץ אריין, אדער די פויסטן וואס איינער האט געפרוווט דעם צווייטן צווישן די אויגן שטויסן, ווילנדיק זיך אביסל ארט פארשאפן. מען האט זיך געשאלטן, געשלאגן, און געוואלדעוועט, און יעדעס מאל ווען ס'איז געקומען אין די הויכע קולות אריין איז אריינגעקומען דער „שטובן־דינסט" מיט א שטעקן אדער מיט אן עמער וואסער, האט אפגעגאסן זיין שטיקל ארבעט און ס'פלעגט רואיק ווערן אויף א שטיקל צייט, ביז ווידער ס'האט זיך עמעצ צעשריגען. אזוי שוין דאס פינפטע מאל אין דער נאכט.

דער באראק איז געווען גאנץ פינצטער און אין פינצטערניש האבן זיך די זיילן אויסגעשניטן ווי מענטשן. אויף קרייצן אויסגעהאנגענע אין פארשיידענע פארקריפלונגען וואס זיינען עקסטרא געווארן דא אויפגעהאנגען צו דערגאנגען דאס טייוואלישע בילד פון דער נאכט אין גיהנום.

צום לאגער אויוון מיט די פלייצעס אנגעשפארט איז געזעסן א קליינער יינגל, א הונדערט פראצענטיקער „מוזלמאן" וואס האט געווארט נור אויף דער ערשטער געלעגנהייט ביי א סילעקציע, צו ווערן אפגעשיקט צו דער „הימל־קאמאנדע". ער האט א געוויסע צייט זיך געווערט, קעגן די פויסטן און עלנבויגנס פון זיינע שכנים, נור זעענדיק אז זיין ארבעט וועט אים גארנישט העלפן, איז ער געווארן גלייכגילטיק אויף אלעם. איצט זיצט ער מיט דעם רוקן צום אויוון געדרוקט, איבער אים ליגט א פרעמדער האלץ־שיך, וואס געהערט צו אן אויסגעטרוקנטן פוס און קוועטש אים דאס הארץ צו. און יעדעס מאל ווען ס'קומט אריין דער שטובן־דינסט פילט ער אז יענער גייט גלייך צו אים, און ס'וואונדערט אים וואס די מענטשן שרייען איצט נישט ווען דער שטובן־דינסט טרעט איבער זיי.

ווען עמעץ פרואווט אויפשטיין ווערט א געשריי. ס'זיינען נאך דא אזעלכע וואס זייערע נערוועז קענען מער נישט אויסהאלטן רואיק צו זיצן, אדער לאזן יענעם זיך א באוועג טון, דערפון אנשטייט מיינסטנס דאס אריינקומען פון שטובן־דינסט. און די אלע וואס זיצן דא אין דער גרויסער פינצטערע קאמער, ווייסן שוין זיכער אז מארגן וועלן זיי מאכן „ספארט". א שעה אדער צוויי. וועלן זיי זיצן „קני־בויגן" פאר נישט לאזן דעם בלאק־עלטסטן שלאפן.

ס'איז שוין אריבער האלבע נאכט. דער „העפטלינג" וואס שטייט אויף נאכט־וואך האט שוין דערוועגן געמאלדן, און געטרייסט אז באלד וועט מען „וועקן" צום אויפשטיין און געבעטן זיך רואיק צו פארהאלטן.

איטשע. האט נישט געקענט מער אויסהאלטן. ער האט געפילט אז דער האלץ־שיך, וועט אים סוף כל סוף דאס הארץ אדורכלעכערן. ער האט געפרואווט אויפשטיין. ס'איז אנשטאנען א געשריי, ער האט פון שיך באקומען א פעטסן שטויס און איז צוריק געפאלן. ער האט אבער דאס מאל נישט אויפגעגעבן. און נאכן באקומען א צענדליק געזונטע שטויסן, איז ער שוין געשפרונגען צווישן די רייען. ווער ס'האט אים געשטויסן, ווער ס'האט אים ביי א פוס געשלעפט, און אנדערע ווידער האבן געשאלטן און געשריגן. ער האט זיך געדרוקט צווישן די קללות, האט צוריקגעשטויסן און מיט א שטיק מסירות־נפש האט ער זיך געפונען ביים טויער פון דער שטאל.

ס'האט אים א שלאג געטון א קילע נאכט אין פנים אריין. ער האט שטיל אונטער זיך די טיר פון בלאק פארמאכט און איז געווען אינדרויסן.

ס'איז געווען איינע פון יענע פוילישע נעכט, ווען דער הימל האט איבער זיך א טיפן שווארצן שלייער, באצירט מיט אסך קלייניקע שטערנס. און דער



שווארצער שלייער האט ווי א גרויס קאפל, ארומגענומען פון אויבן דאס גאנצע לאגער, מיט די קליינע לעמפלעך וואס האבן מאט געלויכטן ארום די דראטן. האט איינגעהילט דאס אלעס אין דעם וואס רופט זיך, נאכט, און געשארכט א סוד אלעם אין אויער אריין: שטיל...שש...טיל..

און דאס לאגער האט געשוויגן. מיט יענע שטילקייט, וואס האט געשוידערט, וואס האט קאלט געמאכט דאס בלוט אין די אדערן, און האט געשריגן מיט שטומקייט וועגן אלע רציחות וואס קומען דא פאר.

פון ווייטן האט זיך א געריוש דערטראגן. א שטיל פליסטערן פון א שטארק לעבן. א פייף האט די נאכט שטילקייט אדורכגעריסן, און ווידער האט גערוישט פון ווייטן מיט שטארקע ארבעטס־קראפט, און ס'האט אויסגעזען, ווי די 6 אומגעקומענע, וואס האבן דא אין דעם טרויעריקן בירקענאו זייערע לעצטע טעג פארבראכט אין ווילדע גסיסה, זיינען איצט געקומען אין דער נאכט צורופן פון נקמה פאר די בלוטיקע רציחות. און דאס רוישן זייערע קערפער פון אויסגעטרוקנטער אשיקע ביינער.

ס'האט א לייכטן בליץ געטון. איטשע האט זיך אומגעקערט צו יענער זייט וואו די קרעמאס זיינען געשטאנען. ער האט די „אומשולדיקע" הייזלעך נישט דערבליקט אינם חושך, נור פון צוויי קוימענס זיינען פלאמען צום הימל געשטיגן. און ווי גרויסע רויטע זייד־טיכער באצויגן א שטיק פון יענער שווארצקייט, וואס האט זיי פארפילט. און די פלאמען האבן זיך אנגעשלאגן אויף דעם לאגער מיט א מוראדיק בילד פון אומגעהייער גרויסע פרוי מיט צעפלאשעטע האר, און מיט ווילד פייערדיקע בליקן, וואס קוקן פון דער ווייטן אין לאגער אריין. אט יענע פרוי — האט עס איטשע אויסגעזען — איז עס די, וואס פירט אן מיט דער גאנצער אוממענטשליכער פיין, און מערדעריי, וואס ווערט דורך אירע דינער אויסגעפירט.

ער האט אויף א רגע פארגעסן אז ער איז איינער פון יענע טויזנטער, וואס די ווילדע מכשפים מיט די פייערדיקע אויגן האט אין אירע נעגל אריינגעקריגן. ער האט געפילט אז איצט איז דער ריכטיקער מאמענט צו דערגיין דעם סוד פון דער גאנצער ביטערניש, און ס'האט זיך אים געוואלט זען דאס גאנצע גיהנום, און וואס עס פארמאגט אלעס אין זיך.

פון א בלאק האט ליכט געשלאגן. דאס איז געווען דאס גרויסע וואש־רום. דארט האט ער געגלויבט עפעס צו געפינען מיט וועלכנס קראפט ער וועט אויפלעזן דעם רעטעניש פון דער גאנצער זאך, און ס'איז נאך היינט אים נישט קלאר געווארן צו ער איז געגאנגען דארט פון זיין גוטן ווילן, צו האט אים די נאכט דארט אהין געשלעפט.

דאס וואש־רום איז געווען ליידיק, די שוואכע רויטע ליכט האט נישט געגרייכט ביז אין די ווינקלען אריין, פון וועלכע ס'האט ארויסגעקוקט דער טויט. פון הענגענדיקע וועש האט געטריפט וואסער. געשלאגן איבער די קאלטע שטיינער טרויעריק, און געקלאפט אומהיימלעך. דאס גאנצע בילד האט גע־

מאַכט אויף איטשען דעם איינדרוק אַז דאָ קומט פאָר די טהרה פון די שוין לאַנג פאַרברענטע גופים.

ער האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פונדאַנען. ער האָט געפילט אַז ער איז צו ווייט פאַרקראָכן אין דעם סוד. פון דעם, וואָס קומט פאָר און אין געווען זיכער אַז צוריק פון דאָ גייט ער שוין מער ניט.

מיט אַמאָל האָט זיך אַ שאָטן אַריינבאַוועגט. ווער אונטער אים גייט האָט ער נישט דערזען און איז געבליבן אויף אַ רגע איינגאַנצן אָפּגעשטאַרבן. איין אויגנבליק שפּעטער איז שוין נעבן אים געשטאַנען זיין פריינט, מיט ווילד־דערשראָקענע אויגן, און דערקענענדיק אים, איז יענער צו אים צוגעפאַלן און גענומען רעדן, שנעל. איטשע, דאָס ביזט דו? וואָס, דו ביסט אויך געווען ביי דער סילעקציע?" איטשע האָט נישט פאַרשטאַנען גענוי וואָס דאָ קומט פאָר, ווי אַזוי יענער קומט דאָ אהער גראָד איצט, און וואָס ער וויל פון אים האָבן. ער האָט מיט אַ פעסטער שטימע גערעדט: „וואָס מאַכסטו איצט דאָ?" יולעק האָט געעפנט די שוין אַזוי אויך גענוג גרויסע אויגן: „ווייסטו הייסט עס, גאָרנישט אַז ס'איז היינט געווען ביי אונז אין בלאָק אַ סילעקציע, מענגעלע האָט אַרויסגענומען אפשר הונדערט יאָטן, איך אויך דאַרונטער און געהייסן אונז איינשליסן אין 25־סטל. דערווייל זיינען שוין דאָרט געווען מאַדזשאַרן (אונגאַרן) פון אַנדערע בלאָקן, איצט האָבן עטלעכע יאָטן אויפגעריסן די אונטער טיר און מיר זיינען אַרויס געלאָפן אַ פּאָר מאַן. איך האָב נאָר געהערט אונטער מיר שרייען. מ'האָט זיכער איינעם געשנאַפּט. זיי זיינען בייגעשטאַנען קעגן איבער זיך, און איינער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי ער קומט זיך צוזאַמען מיט דעם אַנדערן. דער ערשטער איז אונטער געקומען צו זיך: „אַלזאָ, וואָס מאַכסטו איטשע?" — „גאָרנישט, וואָס זאָל איך דען מאַכן? כ'האָב נישט וואו אַריין צו גיין, כ'וואָלט נאָך נויטיק געדאַרפט כאַפּן אַ שטיקל דרימל." איטשע האָט אים באַטראַכט און אַ זאָג געטאָן: ווייסט וואָס? קום מיט אַריין צו מיר אין בלאָק." זיי זיינען ביידע צוריק אַרויס פון וואַש־רוים און יולעק איז מיט אים מיט אין זיין בלאָק אַריין. זיי האָבן נישט געקענט צוקומען צו דעם אָרט וואו איטשע איז פריער געלעגן. ביי דער טיר האָט זיך יולעק אוועקגעלייגט, אויסגעצויגן און אַ זאָג געטאָן: „אַ מחיה, ווי ביים טאַטן אין ווייַן גאָרטן" און אין איין פערטל שעה איז ער שוין געשמאַק געשלאָפן. און ס'האָט אים נישט געאַרט, נישט דאָס טרעטן פון שטובן־דינסט און נישט די קולות.

איטשע איז געזעסן ווי פריער, נישט געקענט זיך רירן און געקלערט: און וואו איז דער סוד פון שלעכטן?



## נחום שטענצל

# אַ לאַנד וואו עס רינט — אייל און בלוט!

(צו די געשעענישן אין ארץ ישראל)

געווען אַמאָל ארץ ישראל „אַן ארץ זבת חלב ודבש". געוואָרן איז עס אונטער די אַראַבער אַ מדבר פול מיט מאַלאַרישע זומפּן. געוואָלט — און טיילווייז אויך געוואָרן — האָבן יידישע חלוצים־אידעאַליסטן דערפון ווידער מאַכן אַ „לאַנד וואו עס רינט מילך און האָניק". ליידער רינט אָבער דאָרט אויך אייל; איז ארץ ישראל געוואָרן ווידער, אונטער די ענגלענדער, אַ לאַנד וואו עס רינט אייל און בלוט.

פונם האָניק איז געוואָרן אייל, און פון דער מילך בלוט.

זייט טיטוסעס חיילות פון דער אַמאָליקער גרויסער רוימישער אימפּעריע האָבן אונז באַזיגט אין ארץ ישראל, און פון דאָרט אונז פאַרשלעפּט אויף די שקלאַפן מערק פון אפריקא און אייראָפּע, ווי באַזיגער האָבן דעמלט באַהאַנדלט די זין און טעכטער פון די באַזיגטע, זענען מיר געוואָרן אין גלות בלויז „עבדים לה'" — אָבער קיינמאָל נישט „עבדים לעבדים"; אין אונזערע הערצער האָבן מיר געטראָגן אין באַהאַלטן אונזער שטאָלץ פונם אַריסטאָקראַטיש־קולטורעלן אָפּשטאַם. קיינמאָל האָבן מיר — אפילו אויף אַ קורצער צייט דורך דעם 2000־יעריקן גלות — נישט פאַרלוירן אונזער באַוואוסטזיין אַז מיר זענען אַ גוי קדוש וממלכת כהנים"; אויך נישט אונזער האָפענונג און גלויבן אַז מיר וועלן זיך אומקערן צוריק אין אונזער לאַנד.

נאָך אַלץ איז דער דאָזיקער חלום נישט מקוים געוואָרן. די היטער פון גערעכטיקייט איבער דער נאַרער וועלט האָבן אונז פאַר 30 יאָר צוריק צוגעזאָגט דעם חלום צו פאַרווירקליכן. מיר האָבן זיי געגלייבט, ווייל זיי האַלטן בסדר די „ביבל" אין דער האַנט, און פסוקים אויף זייערע ליפּן. מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס זיי האַלטן תמיד אין דער אַנדערער האַנט, און וואָס זיי טראַכטן אין זייערע מהות און הערצער, בשעת זייערע ליפּן מורמלען פסוקים. מיר האָבן נישט געוואוסט אַז מיר דינען בלויז פאַר אַן עקספּערימענט פאַר זייערטוועגן, אויפן שאָך־ברעט פון וועלט־סטראַטעגיע.

אַנומעלט האָט בעווין אין אַ רעדע ערקלערט, אַז אויסערליכע פּאָליטיק פּלאַנעוועט ענגלאַנד נישט אויף עטלעכע יאָרן פאַראויס, נאָר אויף אַ גאַנצע 20 יאָר אין פאַראויס.

מיר גלויבן אים דאָס, ווייל די ענגלענדער זענען אויף דעם ספּעצן. זיי האָבן געלערנט די חכמת־פּאָליטיקאַ פון אַלע פעלקער און ראַסן אין דער וועלט. און מיר זען דאָך בעשיינפערלעך אַז זיי קענען פּלאַנעווען אַ 20 יאָר פאַראויס.

טאַ, אויב אַזוי, פרעגט זיך די פראַגע: האָבן טאַקע די ענגלענדער נישט אין 1933 פאַראויסגעזען וואָס עס וועט געשען מיטן אייראָפּעאישן יידנטום? מען האָט אפילו קיין ענגלישע „ספּעצן" דערצו נישט געברויכט צו זיין. אַז

זאך פאראויסצוזען. א פראסטער זון, אפילו פון אונזער פאלק, א זאב זשאבאטינסקי ע"ה, האט עס דאך געזען קומען, קלאר און דייטליך.

און דאך — איז געווען די ענגלישע פאליטיק נישט צו עפענען די טויערן פון ארץ ישראל, וואו אהין הונדערטער טויזנטער יידן פון איירָאפּע האבן געשטרעקט זייערע העלזער — און צום סוף געמוזט שטרעקן זייערע העלזער פארן תליון — וועלכן ענגלאנד, מיט איר ווייטזיכטיקן אויג האט געזען מארשירן — — —

פארוואס זאלן מיר דאס פארשווייגן! היינט ווען פון אלע צייטונגען שרייען אראפ די גרויסע קעפ מיט קידוש־לבנה־אותיות — „יידישע טעראריסטן אין פאלעסטינע מארדן". יא, ווי ביטערע און גרויס איז דער צער פון אונזער פאלק, אז צו דעם מצב האבן זיי אונז געבראכט, אז א טייל פון אונזער אידיעאליסטישער יוגנט איז געטריבן געווארן צו אזא פארצווייפלונג אז זיי, די קינדער פון דעם פאלק וואס קען קיין בלוט נישט זען, דער „עם הספר", הויבן אן גלויבן אינם כח פון דער שווערד.

זאל אפן געזאגט ווערן אז מיר דאס יידישע פאלק, די צוויי דריטל איבערגעבליבענע פון די 6 מיליאן געקוילעטע, ווארפן פון זיך אראפ די קאלעקטיווע אחריות פארן בלוט וואס עס פליסט איצט אין א"י. מיר קענען עס העכסטנס טראגן צוזאמען מיט די „חסידי אומות עולם", העכסטנס!

נישט נאר ענגלענדער, נאר אויך אסך פון אונזערע מערב־איירָאפּעאישע יידישע גלויבנס גענאסן, און אויך אסך פון די „אקלימאטיזירטע" מזרח יידן, ווילט זיך פארגעסן אין דער ציפער פון „6 מיליאן" יידן. עס ראזשעט שוין אביסל אין זייערע „איידעלע" אויערן די דאזיקע ציפער. פאר וואס כסדר איבערחזרן? נאך וואס, צו וואס? מיר ווייסן עס דאך שוין. עס וואלט זיי אויך וועלן פארגעסן אין די לעבנגעבליבענע, אינם האלב־מיליאניקן שארית הפליטה.

צום גליק אבער האבן מיר שוין דעם „ישוב" אין א"י. און אזעלכע יידן אין חוץ לארץ, אין וועמנס זכרון די ציפער „6 מיליאן" איז איינגעברענט מיט פייערדיקע אותיות; וועלכע טראגן דעם הייליקן אחריות פארן נאציאנאלן קיום פון אונזער פאלק. זיי זענען עמטשלאסן נישט צו שווייגן. ווייל קול דמי אחיך צועקים — פון אונטער דער איירָאפּעאישער ערד שרייט ארויס דאס פארגאסענע בלוט פון אונזערע טאטעס, מאמעס, ברידער און שוועסטער און קליינע קינדער. און אין דער לופט טראגט זיך ארום זייער צעברענט אש; עס זעט, און הערט עס, וועמענס אויגן און אויערן קענען נאך זען און הערן.

דערפאר, קען זיך ענגלאנד אויסוועלן אין א"י — צווישן א לאנד וואו עס רינט אייל און בלוט — אדער אן ארץ זבת חלב ודבש.

אויב מיר האבן שוין געמוזט זיין א „קרבן עולה" אין איירָאפּע פאר דער גאנצער זינדיקער וועלט, זאל עס אויך וועניקסטנס זיין א קרבן עולה פאר אונזער פאלק, אז די געבליבענע וואס ווילן עולה זיין קיין ארץ ישראל זאלן קענען עולה זיין. שוין גענוג זענען מיר געווען א שעיר לעזאזל; מיר ווילן אפילו נישט מער זיין קיין „שעיר לה'". זאלן עס איצט אנדערע זיין.





# איינער פון די „400"

## די סיבה פון חורבן אמאל און היינט

(צום תשעה באב תש"ו)

דער מלך אחאב, דער מושל בכיפה, איז געזעסן אויף זיין כסא המלוכה אין זיין פולער פראכט, ארומגערינגלט מיט זיינע מיניסטארן און יוצר משרתים און זיך צוגעהערט צו דער „נבואה" פון זיינע 400 הויף־„נביאים", וועלכע האבן חניפיש געגלאצט מיט די אויגן און אין געמאכטן עקסטאז העווייתדיק געבויגן, געקרימט זייערע קערפער און „געצויבערט": „אדוני מלך, גאט וועט טון דיין פארלאנג, גיי און פיר דיין מלחמה און דו וועסט זיגן!"

אבער מער פון אלעמען האט זיך געטונקט אין „וויזיע" און זיך געהיצט צדקיה בן כנענה: „מיין האר, קעניג, אט מיט די דאזיקע אייזערנע הערנער וואס איך האב אין מיין האנט, וועסטו שטעכן דיין שונא ארם"...

נאר איין נביא, מיכיהו בן ימלה, האט נישט געוואלט און נישט געקענט נביאות זאגן אויף „באשטעלונגען". זאגט צו מיכיהון דער משרת פון קעניג: „זאג נביאות גוט פארן מלך, ווי אלע נביאים און זיי איינער פון זיי". ניין! —ענטפערט מיכיהו. איך וועל זאגן דאס וואס גאט וועט מיר הייסן, און מיכיהו זאגט זיין נבואה: „דער גייסט פון נבות היזרעאלי, וועלכן דו, קעניג, האסט געהרגט און געירשנט (הרצחת וגם ירשת) וועט זיך פארוואנדלען אין א שקר־נבואה אין די מיילער פון דיינע הויף־„נביאים", וועלכע וועלן דיר שטויסן אין די ארעמס פון טויט"...

דער נביא מיכיהו האט געקראגן געשלאגן פאר זיין נבואה און דער מלך אחאב איז אוועק מיט זיין ארמעע אין דער מלחמה. אחאב איז שוין קיין לעבעדיקער צוריק נישט געקומען... (מלכים א' כ"ב).

---

400 „נביאים", וגם פריינט פוקס בתוכם, זיינען פלוצלונג באפאלן געווארן פון א „חזיון", און אלע אין כאר ווי אויף א באפעל, האבן אונז מגלה געווען נסתרות, אז יידן געפינען זיך אין גלות... און אז פון היינט אן ווערט דער „גלות" ליקווידירט. מער פון אלעמען צוגייט זיך אין זיין „וויזיע" א. מ. פוקס, וועלכער שטורעמט און שטעכט מיט די הערנער, ווי צדקיה בן כנענה, און מאכט אלץ „חרוב". ווענן זיין אנגריף אויף יידיש, איז שוין פיל געשריבן געווארן. איך וועל נאר צוגעבן, אז איך וועל אי"ה ברוקא לערנען מיינע קינדער יי"ו — יידיש, אזא יידיש ווי מ'האט מיר געלערנט און אויך לשון קודש און דוקא מיט דער הברה אשכנזית, ווי איך טו דאס טאקע און וועל הייסן אלע מיינע גוטע פריינט צו טון אזוי. ווייל סיי יידיש און סיי לשון־קודש זיינען קודש — די שפראכן פון די קדושים, וועלכע האבן אין זיי גערעדט און געבעטן, צוליב זיי געליטן און מיט זיי אומגעקומען...

אלזא, אין זיין ארטיקל „יציאת הגולה" (צייט 13 יוני. 1946), שרייבט

פּוקס בזה הלשון: — [פּוקס איז ביי מיר נאָר דער „שליח־ציבור“ פֿון דער כנופֿיה..]

„וואָס אַ לענגערע גלות צייט אַלץ גרעסער וואַקסט די ייִדן שׂנאה, וואָס מער אַ תּקופֿה אַלץ מערער, גרעסער און מוראַדיקער די חורבנות. דעריבער איז היינט נישט מער קיין שום פּראַקטישער מיטל־וועג פֿון גלות לעבן ווי אַ זעלבסט־צוועק“, און פֿירט אויס — „דאָס איז דער פֿינסטערער סך־הכּל פֿון אַשכּנזישן ייִדנטום. דער טראַגישער סימבאָל פֿון יציאַת אייראָפּע, צו נאַציאָנאַלן אויפֿקום און קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק אין אייגענעם לאַנד, דעם שטאַאַטליכן אויפֿבוי פֿון ארץ ישׂראל. וואָס טראָגט אין זיך די אידעאיש און פּראַקטיש די נעשיכטלעכע באַשטימונג פֿון יציאַת הגולה צום דריטן מאָל און לעצטן מאָל פֿון ענדליכע דערלייזונגען“.

אַזוי, אַזוי זאָגט איר פּוקס, „יציאַת הגולה“ און „ייִדישע מלוכה“. עס איז אַ גאַנץ פֿיינע „אידעע“, אַ טיפֿע „וויזיע“. עס קלינגט ממש ווי משיחס־ציַיטן. אָבער, ה' פּוקס, איז דאָס אייערע אייגענע אידעע און „נבֿואה“? — אויב יאָ, טאָ פֿאַרוואָס האָט איר אונז געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן און נישט מגלה געווען אונז דעם „סוד“ אַביסל פֿריער? האָבן מיר טאָמער געדאַרפֿט אַזוי לאַנג וואַרטן און פֿאַרלירן מיליאָנען, כּמעט דאָס גאַנצע אייראָפּעאישע ייִדנטום. אַז כּדי איר פּוקס זאָלט באַשטראַלט ווערן מיט אַ „וויזיע“? פֿאַרוואָס האָט איר אונז נישט „נבֿיאות“ געזאָגט פֿריער אפֿשר וואָלט מעגלעך געווען אָפּצוראַטעווען די מיליאָנען הרוגים?.. אַ נבֿיא, אַ וויזיאָנער, ה' פּוקס, זעט פֿאָראויס און וואָרנט באַציַיטנס! קומען יעצט נאָכן חורבן און זאָגן, אַז גלות איז חורבן און אַלץ גייט אונטער, דאָס קען אַ קינד אויך באַוויַיזן..!

וואו זענט איר געווען, פּוקס, דאַן, ווען אָט די דאָזיקע אידעען, ווי „יציאַת הגולה“ אָדער „שלילת הגולה“ און „ייִדישע מלוכה“ זיַינען אָפֿיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן פֿון זאבֿ זשאַבאָטינסקי 1) ז"ל, אויף אַ קאָנגרעס אין אייער וווין אין יאָר 1935?! איר אַליין ווייסט דאָס אויך און איך האָב אייך שוין פֿיל מאָל אויסמערקזאַם געמאַכט אויף אייער האַנדלונג — טאָ ווי פּאַסט דאָס פֿאַר אייך, אַז איר זאָלט פֿאַראייגענען פֿרעמדע געדאַנקען און אידעען, וועלכע איר אַליין און אייערע „400“ האָבן ביטער באַקעמפֿט..? שעמט איר זיך נישט יעצט צו קומען אייַנקאַסירן דעם קרעדיט פֿון יענעמ'ס בלוט און מאַרך..? פֿריער האָבן זיי זשאַבאָטינסקי'ן פֿאַרצאַפּט דאָס בלוט און פֿאַרקירצט די יאָרן פֿאַר זיַינע אידעען און מעשׂים און יעצט — זעט נאָר מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן פּוקס, מיט זיַינע „400“, נעמט זיך צו דעם „קנים

1) לכּבֿוד האמת וויל איך דאָ פֿעסטשטעלן, אַז איך בין דאָ נישט אויסן קיין שום פּאַרטיי אינטערעסן, ווייל זינט זשאַבאָטינסקי'ס טויט געהער איך נישט צו קיין שום פּאַרטיי. איך וויל מער נישט דאָ, אַלס מכּיר טובֿה צום גרויסן און עדליבן ייִד זשאַבאָטינסקי, וועלכן איך האָב נאָכגעפֿאָלגט פֿאַר אַ גאַנצע רײ פֿון יאָרן — ריכטיק־שטעלן עטליכע היסטאָרישע פֿאַקטן...



און בעקל“ פֿאַר זיַינע „אַרטיקלען“: ווי ער שמעלצט זיך דאָס פֿון נחת פֿון די קאָמפּלימענטן פֿאַר זיַין „חזון“? זעט נאָר, — הרצחת וגם ירשת?! — מוח־און קאָפּ אַרבעט איז בלוט! ה' פּוקס!...

פֿריינט פּוקס, פֿאַרוואָס זאָגט איר נישט דעם אמת? פֿאַרוואָס דערציילט איר נישט אייערע לעזער, אַז אייערע געדאַנקען און אידעען זיַינען צוגעריבט געוואָרן ביי דעם פֿאַרשטאָרבענעם ייִד זשאַבאָטינסקי?! איר רעדט פֿון גאולה, פּוקס, און איר אַליין רייסט אויס דעם פּרינציפּ פֿון גאולה, — יושר און גערעכטיקייט — „כּל האומר דבר בשם אומרו מבֿיא גאולה לעולם“ (פּרק).

וואָס זאָגט איר פּוקס, אַז „דאָס אַשכּנזישע ייִדנטום האָט טייער באַצאָלט פֿאַר די דאָזיקע טויטליכע אילוזיעס פֿון אידעאַליזירן און באַרעכטיקן גלות־לעבן ווי אַ זעלבסט־צוועק“? אַזוי, דאָס „אַשכּנזישע ייִדנטום“? און איר פּוקס מיט אייער „הויף־ממשלה“, איר זענט נאָר אומשולדיק? שטיקן אייך נישט אייערע אייגענע ווערטער אין האַלז..? און ווידער אין אייער לעצטן אַרטיקל (צייט, 8 יולי, 1946) שרייבט איר:

„אונזערע אָרטאָדאָקסישע גלות פֿרעדיקער, וואָס זיַינען אַ האָר נישט ווייניקער געוויסנלאָז אין זייער דעמאַגאָגישן גלות־קלעבעכץ ווי אַלע אַנדערע פֿאָלקס־פֿאַררעטער פֿון אַלע לאַגערן און שיטות. — ערשט אין די לעצטע דורות האָט דער גלות גייסט פֿון דער אָרטאָדאָקסיע אַזוי פֿאַטאַל געפֿעלשט די ריין־נאַציאָנאַלע ייִדישקייט אידעע פֿונעם תּנ"ך. — ער האָט גייסטלאָז געפֿעלשט די גייסטרייכע נבֿיאישע וויזיע פֿון ריין מענטשליכער נאַציאָנאַלער שטרעבונג צום פֿאָלקאָמענעם מאָראַלן לעבן, און עפּעס אַ הוילער אילוזיע פֿון אַ מיסטישן „מלכות־שמים“ וואָס האָט נישט קיין גרונט און קיין באָדן אין דער רעאַליטעט פֿון אַ מענטשליכער און נאַציאָנאַלער לעבנס־אידעע. ער האָט דעריבער אין די לעצטע דורות פֿאַרפֿירט און ביז צום היינטיקן טאָג שיִער נישט אין גאַנצן דערפֿירט דאָס אומגליקלעכע פֿאָלק ישׂראל צום טויט. (?) פּשוט ווי די שאָף צו דער שחיטה, פֿירן עס די געוויסע בטלנישע גלות־פֿרעדיקער פּונקט ווי די אַנדערע מאָראַלישע פֿאַרברעכער (?) פֿון אַלע נאַציאָנאַל־פֿיינדליכע גלות לאַגערן, די פֿאַרפֿירטע ייִדן אין דער פֿינסטערער וועלט שׂרפֿה פֿון בלוטיקן גלות שׂנאה. וואָס האָט נישט קיין גרעניץ און קיין סוף“...

וועמען מיינט איר דאָס, פּוקס, מיט אייער שרעקליכער באַשולדיקונג? מיינט איר דאָס די „אגודה“? — טאָ פֿאַרוואָס זאָגט איר נישט בפֿירוש, דערמאָנט אַ נאָמען! פֿאַרוואָס וואַרפֿט איר, ווי אַ פּחדן, שטיינער פֿון הינטערן פּלויט? פֿון אייער שרייבן, פּוקס, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז איר באַשולדיקט דעם סתם ייִד, דעם ייִדישן כּלל, וועלכער איז אין זיין מערהייט געווען און איז אָרטאָדאָקסיש געשטימט. ווי וואַגט דאָס אַ מענטש צו שרייבן אַזוי אומגעלומפּערט, עם־הארציש און שאַנעוועט נישט אפֿילו די מיליאָנען אָרטאָדאָקסישע קדושים פֿון פּוילן און ליטע?! ווי וואַגט איר צו וואַרפֿן אַזאַ שרעקליכע און אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונג אויף היסטאָרישן פֿלעק אויפֿן

אָרטאָדאָקסישן יידנטום אַלס גאַנצעס און כלל?! זאָגט, וועמען מיינט איר מיט אייער באַשולדיקונג? לאָמיר אייך זאָגן איין זאַך, אַז אין דער צייט, ווען טויזנטער אָרטאָדאָקסישע יידן און יונגעלייט אין פּוילן און ליטע האָבן טאָג ווי נאַכט געחלומט פון גאולה און אַליין געפּלאַנעוועט ווי אַ רויסצורייסן זיך פון גלות, האָט איר, פוקס, געזעסן אין די ווינער קאַפעען און גוט הנאה געהאַט פון גלות־לעבן...

איר ה' פוקס רייבט זיך די הענט פון נחת, ווי איר וואָלט גענומען אַ נקמה אין דעם אשכנזישן און אָרטאָדאָקסישן יידנטום, וועלכער האָט „טייער באַצאָלט פאַר זיין פאַרהערליכן דעם גלות", און אַז „ער האָט שיער נישט דערפירט דאָס אומגליקלעכע פאָלק ישראל צום טויט", — אדרבא, פוקס, שטעלט נאָר אָן אייערע אויערן און הערט:

„עס זיינען דאָ אין דער יידישער געזעלשאַפט דעפעטיסטישע שטרעבונגען און אפילו אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַקצעפּטירט די טעאָריע פון ליקווידאַציע פון דעם קיום פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע. די דאָזיקע טענדענצן זיינען הונדערט פּראָצענטיק פאַלש און שלעכט. נישט ווילנדיק ווערן זיי מעכאַניש די פאַרבינדעטע פון היטלעריזם, פון דער פאַרניכטונג שטרעבונג פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע. נישט אויף איין מינוט טאָרן מיר אַקצעפּטירן די טעאָריע פון ליקווידירן אונזער קיום אין אייראָפּע און מיט אַלע כחות מוזן מיר זיך אַקעגנשטעלן די טענדענצן פון דער דאָזיקער ריכטונג און צונויפזאַמלען אונזערע פּאָליטישע כחות כדי ווידער אויפצובויען די פרייהייט פון יידן אין דעם איצט אונטערדריקטן טייל פון אייראָפּע. עס איז ווייטער אַ גרונד פעלער צו גלויבן, אַז אויך אין פאַל פון אַ זיג פון דער דעמאָקראַטיע וועט דער ג ל ו ת אין אייראָפּע פון יידן מוזן ליקווידירט ווערן. די דאָזיקע „נביאות" איז נישט ריכטיק. די דאָזיקע קאָנצעפּציע פון עוואַקואַציאָניזם איז פאַלש און שעדלעך".

אָט דאָס איז אַ פראַגמענט פון אַן אַרטיקל: „עוואַקואַציאָניזם? — ניין!" געשריבן (צייט, 27, נאָוו. 1940) פון דעם „באַרימטן" רעפּרעזענטאַנט און „ציון און גלות" פּאָליטיקער, פאַר וועלכן איר, פוקס, און אייערע „400", האָבן זיך געבויגן און געבוקט... און אָט איז נאָך אַ „פּערל" געשריבן פון אייער אַ חבר אין „פרי יוראָפּ", 1941, (זע צייט, 10־טן אַפּריל, 1941):

„עוואַקואַציע אַלס קאַפּיטולאַציע צו אונזערע שונאים! — די וואָס פּרעדיקן די אידייע טוען דאָס דעריבער ווייל זיי האָבן שוין מער נישט געגלויבט אין מענטשליכקייט און אין מעגליכקייט פון אַ ספּעציעלער בשותפותדיקער עקזיסטענץ פון יידן און נישט יידן. עוואַקואַציע איז נישט קיין כבוד פאַר אייראָפּע, ווייל דאָס באַשטעטיקט אַז אייראָפּע גייט באַרג אַראָפּ"...

נו, ה' פוקס, ווער האָט אידיאַליזירט דעם גלות — דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום, די ברייטע מאַסן, צי נאָר אייערע נאַציאָנאַלע פּאַלעסטינער פירער גופא?... און לאָמיר אייך דערמאָנען, אַז איר האָט געהאַלטן שטאָל און אייזן



פאַר די דאָזיקע „פּאָליטיקער" און איר מיט אייערע „400" האָט ביטער באַקעמפט דעם געדאַנק פון „יציאת הגולה" און „יידישע מלוכה". און די דאָזיקע באַקעמפונג איז אין אייראָפּע פאַר דער מלחמה אָנגעגאַנגען נאָך מיט מער ברען און פאַרביטערונג. טאָ פרעג איך אייך איר „400" ווי האָבן די מיליאָנען קדושים געקענט געראַטעוועט ווערן פון אומגליק, אַז די נאַציאָנאַלע און פּאַלעסטינער פירער אַליין האָבן די יידן געהייסן זיצן אין גלות און פאַרטושעט די אָנקומענדיקע סכנה?!

נו, איר „400". וואו איז געווען אייער „נבואה" און „חזיון" פריער? זענען נישט אָט די אויבנציטירטע ווערטער, דאָס זעלבע וואָס מיניסטער בעווין חזרט איבער היינט? מיניסטער בעווין זאָגט נאָך דאָס, וואָס די יידישע „פּאַלעסטינער" פירער האָבן אים זינט יאָרן אַריינגעקלאַפּט אים אין קאָפּ! טאָ צו וועמען האָט איר טענות פוקס? וואָס וואַרפט איר זיך און שטעכט מיט אייערע הערנער אומשולדיקע מענטשן...? נישט דאָס אשכנזישע און אָרטאָדאָקסישע יידנטום איז שולדיק אין זיין חורבן! נישט די קדושים אַליין זיינען שולדיק אין זייער אומקום! וואָס ווילט איר האָבן פון פאַרהאַרעוועטע און פאַרפייניקטע מענטשן? שולדיק זיינען די פירער, וועלכע האָבן זיי פאַרפירט! האָט טענות צו זיך אַליין! אויב איר, פוקס, האָט דעם קוראַזש און מוט, טאָ שטראָפט זיך אַליין. זאָגט אייער „נבואה" און "חזיון„ צו אייערע פירער. איך ווייס עס איז פיל בעסער און זיכערער צו זינגען אין כאָר מיט די „400", ווייל צו זינגען „סאָלאָ", צו „נביאות" זאָגן אַליין איז אַ ביסל סכנותדיק... אויך דאַרף מען האָבן די כלים, די מיטלען צו דעם, ווי געוויסן, כאַראַקטער, מוט און אַ ניצוץ פון אמת, וועלכעס די 400 באַזיצן דאָס נישט...

יאָ, ווען פוקס שרייבט, אַז „דאָס ליגנט אויך אַרויף אַ שולד אויף דעם גלות צושטאַנד ווי אַזעלכן און אויף די יידן וואָס פּרעדיקן די פּערמאַנענטע דערהאַלטונג פון דאָזיקן צושטאַנד", טאָ דאַן, זאָל ער זיך אַליין מיט זיין „הויף־ממשלה" און די „400" זעצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק...! די שטראָף פון „לא תעמוד על דם רעך". פון חטא „חבלנה", קומט יעצט...

דוקא, ווייל די „400" האָבן אָנגעהויבן „נביאות" זאָגן דעם סוף פון גלות און אָנהויב פון יידישער מלוכה, זע איך אין דעם אַ סימן נישט קיין גוטן. עס דערמאָנט מיר אָן דער בילד אין תנ"ך (ירמיה כ"ח, כ"ט), ווען אַלע „400" „נביאים" האָבן זיך אויפן באַפעל פון „הויף" צעזונגען, אַז גלות בבל ווערט בטל און די גאולה קומט. האָט צו זיי ירמיה געזאָגט: דוקא איצט זאָג איך אייך „בויט הייזער און פלאַנצט גערטנער", די פירער מיט זייערע מעשים פאַרלענגערן דעם גלות...

„כשועלים בחרבות נביאיך ישראל היו" (יחזקאל י"ג). דאָס יידישער אומגליק, זאָגט יחזקאל, קומט פון די פאַלשע נביאים, וועלכע זענען ווי דער „פגתם". וואָס באַהאַלטן זיך אין לאָך און קומען נישט אין צייט צו פאַרהיטן פון סכנה (לא עליתם בפרצות...) ערשט שפּעטער נאָכן חורבן קומען זיי אַרויס מיט אַ קלאָג. און דאָס זאָגט ירמיה הנביא צו די גולי בבל: „וואָלט איר גע־

וויינט נאָר איינמאָל דאָן אין „ציון", וואָלט איר פאַרשפּאָרט צו וויינען היינט." (מדרש איכה). ווער ווייסט, ווען אונזערע פירער וואָלטן געוועזן וויניקער אין זינען געהאַט איינענע און פּאַרטיי אינטערעסן און אָנגענומען באַצייטנס רעטונגס־מיטלען, — און שפּעטער אפילו, ווען די שחיטה איז שוין אָנגעגאַנגען, וואָלט מען געשטורעמט אַזוי און פּראָטעסטירט איבער די גאַסן ווי מ'האָט פּראָטעסטירט נעגן דער פאַרהאַלטונג פון פּאַרטייאישע פירער,— וואָלט אונזער היינטיקער חורבן נישט געווען אַזוי גרויס און שרעקלעך...

ניין, נישט די „400" און נישט די ניי און דיי געבאַקענע „בעלי תשובה" האָבן דאָס רעכט צו קומען אונז זאָגן מוסר! פריער פון אַלץ מוזן זיי זיך פאַרלאָזן בערד און ניין אָפּריכטן 7 יאָר גלות און אפשר מער ווי 7 און נאָך אפשר מער ווי 40 יאָר גלות, וואַנדערן אין אַ מדבר... ווייל נישט שטענדיק ווען די פּאָליטיק הייסט און די פּאַרטיי וויל קען זיין „גלות־גאולה"... און וואָס קען שוין יעצט העלפן דאָס דראַפּען זיך אויפן בארג ווי די „מעפּילים"...?

שטענדיג שוועבט פאַר מיינע אויגן די לעגענדע־בילד, ווי צוויי יידישע יונגעליים האָבן זיך אונטערגענומען צו אויפוועקן דוד המלך פון זיין שלאָף און ברענגען די גאולה. זיינען זיי געגאַנגען טאָג און נאַכט, אָפּגעזוכט דוד המלכ'ס קבר, און ווען דוד המלך האָט צו זיי אויסגעצויגן זיינע הענט, האָבן די יונגעלייט פאַרגעסן אויפצוגיסן אויף זיינע הענט דעם קריגל מים קדושים ווי מען האָט זיי אָנגעזאָגט, ווייל זיי האָבן זיך פאַרקוקט אויף דעם גאָלד און זילבער ארום... דוד המלך האָט צונגענומען זיינע הענט און איז צוריק איינגעשלאָפן... הכם, פאַרקוקט זיך אויפן „געלט"... משיח וואַרט אויף די ריינע הענט און קלאָרע הערצער, וועלכע זאָלן אים פון שלאָף אויפוועקן...!

## אליהו פּאָלושאַק

### פאַרוואָס האָבן מיר מאַרשירט?
(אַ רעדע)

...ווען מען קיקט אייך דאָ אָן, יונגע יידישע בחורים און מיידלעך, אין אייערע ווייסע בלוזקעלעך און בלויע העמדן, האָטש איר ווערט דאָ וואָרים באַהאַנדלט און זעצט אייך צו אַ פיינגעדעקטן טיש, האָט מען שוין אַ קלאָרן און בולטן ענטפער אויף די פראַגע: „פאַרוואָס מיר זענען מאַרשירט?" ווען מען ווייסט אייער גורל און דעם גורל פון אייערע און אונזערע קרובים, וועלכע זענען געוואָרן אָוועקגעריסן פון אונז.

נישט צו אייך האָט מען געדאַרפט רעדן, נאָר צו די טויזנטער און הונדערטער־טויזנטער מענטשן מחוץ אונזער לאַגער. און זיי דערציילן דעם גורל און די טראַגעדיע פון יעדן איינעם פון, אייך און פון די פאַרגעסענע



שארית הפליטה, — און אויך דאָס וואָלט געווען אַ קלאָרער איינדרייטיקער ענטפער: פאַרוואָס מיר האָבן מאַרשירט?

ענגלאַנד אָדער גרויס־בריטאַניע איז אַ דעמאָקראַטישע מאָנאַרכיע. איבער די דאָזיקע מאָנאַרכיע האָט אַ באַשטימטע געשריבענע קאָנסטיטוציע ווייס איך נישט, זיכער עקזיסטירט אַ געשריבענער געזעץ־קאָדעקס. אינם פאַרלאַמענט ווערן אָנגענומען נייע געזעצן, אַלטע — ווערן אָפּגעוואָרפן אָדער מאָדיפיצירט, אָבער קיין געשריבענע מלוכה־קאָנסטיטוציע, זאָגט מען, עקזיסטירט נישט. ענגלאַנד איז דאָס קלאַסישע לאַנד פון טראַדיציאָנאַליזם. עס האָבן זיך דורך יאָרהונדערטער איינגעוואָרצלט אינם ענגלישן לעבן מנהגים און „דינים", וועלכע ווערן אייביק בלייבן אומפאַרשטענדליך פאַר דעם פרעמדן.

מיר יידן זענען באַשטימט אַ פאָלק פון טראַדיציע, אָבער מיר האָבן אויך אַ קאָנסטיטוציע; אַ געשריבענע קאָנסטיטוציע, וואָס ציט זיך פון מתן תורה איבער תנאים און אמוראים ביז צו אַנדערע חוקרים. מיר האָבן אויך אונזער מסורה, איבערליפערונגען.

לויט דער יידישער מסורה איז אַ געגעבן וואָרט, אַ צוזאָג — אַ הייליקע זאַך. אַ געגעבן וואָרט מוז מען האַלטן ווער רעדט נאָך, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ תקיעת כף, וועגן אַ „האַנטשלאָג". — אין חרם פלעגט מען לייגן אַ ייד, וואָס האָט „געבראָכן" אַ תקיעת כף. וואו איז נאָך דאָ אין אייראָפּע אַ פאָלק, וואָס האָט אויסער דעם הייראַטס־קאָנטראַקט, דער אַזוי־גערופענער כתובה געהאַט אַ געשריבענעם „פאַרלאָבונגס־קאָנטראַקט". די אַזוי־גערופענע תנאים? „תנאים" הייסט באַדינגונגען, און ווייל איז געווען דעם צד, וועלכער האָט אָפּגעלאָזט די תנאים, און געבראָכן דעם קאָנטראַקט: ער האָט געמוזט בעטן מחילה און באַצאָלן קנס, פראָסט גערעדט: דער שולדיקער טייל איז געוואָרן באַשטראָפט.

מיט כמעט 30 יאָר צוריק אינם געראַנגל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט זיך ענגלאַנד געדאַכט, אַז מיר יידן קענען זיין אַ נוצלעכער פאַרטנער מנצח צו זיין זיינע שונאים, האָט מען אונז אין דער באַלפור־דעקלעראַציע צוגעזאָגט פּאַלעסטינע אַלס אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים. אמת, מען האָט נישט צוגעזאָגט אַ יידישע מלוכה, נאָר יעדער פאַרשטייט דאָך קלאָר, וואָס עס הייסט אַ נאַציאָנאַלע היים. עס האָבן זיך שוין אָנגעהייבן צו באַווייזן די ערשטע כמאַרעס פון אַ שטורעמדיקער צייט. מיליאָנען יידן האָבן געלעבט אין אַ נישט־זיכערער לאַגע. אָט פאַר זיי וועט פּאַלעסטינע קענען ווערן און זיין אַ נאַציאָנאַלע היים.

די אַליאירטע האָבן געוואונען די מלחמה. ס'איז געוואָרן געשאַפן דער פעלקער־בונד, און מיט די אונטערשריפטן פון אַלע נאַציעס פונם דאַמאָלדיקן פעלקער־בונד האָט ענגלאַנד באַקומען דעם מאַנדאַט איבער ארץ ישראל.

פּאַלעסטינע איז היינט נישט מער קיין פּאַרטיי־פראַגע אינם יידישן לעבן, און ס'איז אויך נישט היינט די צייט פאַרצוואַרפן די ציוניסטן, פאַרוואָס זיי זענען אין אַלע פראַגן פון ארץ ישראל געגאַנגען מיט גרויס־

בריטאַניע. אַ קעגן־פראַגע איז באַרעכטיקט: מיט וועמען האָבן זיי געוואָלט גיין? מיט היטלערן? אָדער מיט מוסאָליניען? פאַלעסטינע איז געווען אַ בריטיש מאַנדאַט־לאַנד אינם נאָענטן אָריענט, וואָס איז די בריק פון דער מעטראָפאָלער לאָנדאָן צום גרויסן בריטישן אימפעריום אין אינדיע, מאַלאַיִשע מלוכה׳לעך, סינגאַפאָר און אַזוי ווייטער. על פי שכל האָט דאָך ענגלאַנד געדאַרפט האָבן אַן אינטערעס, אַז דער מדבר פאַלעסטינע זאָל ווערן באַפעלקערט, קולטיווירט און אויסגעבויט. בריטישע אימפעריאַלע אינטערעסן, ציוניסטישע פאַרטיי־פּאָליטיק אין די שטייגענדיקע יידישע נויט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער — אַלץ דאָס האָט נאַטירלעך געדאַרפט העלפן דעם אָרגאַנישן אויפבוי פון פאַלעסטינע אלס יידיש־נאַציאָנאַלע היים פאַר די, וואָס ווילן דאָרט אַהינגיין.

מען קען נישט זאָגן, אַז ענגלישע אויסנפּאָליטיק צווישן די לעצטע צוויי מלחמות איז געווען קלאָר און דורכזיכטיק. זייער אומקלאָר און מטושטש איז ענגלישע פּאָליטיק געוואָרן בנוגע אונז, ווען היטלער האָט באַקומען די מאַכט, איז געוואָרן דער אויבער האַר איבער דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי און דער שטאַרקסטער פאַקטאָר אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. די סיסטעמאַטישע יידן־פאַרפאָלגונגען אין די פון דייטשלאַנד באַהערשטע לענדער ווי אויך אינם פריערדיקן פּוילן האָבן געשאַפן די גרויסע כוואַליע פון אַ מאַסן־אַנטלויפן און מאַסן־עמיגראַציע. די טויערן פון די אַזוי־גערופענע פרייע מלוכות זענען נישט געווען ברייט אָפן און ס׳איז געקומען דערצו, אַז דער קליינער און יונגער יידישער ישוב אין פאַלעסטינע האָט פּראָצענט־על מער פּליטים אויפגענומען, ווי דאָס גרויסע אַמעריקע. דער ישוב איז געוואַקסן און איז געוואָרן גייסטיק און עקאָנאָמיש באַרייכערט, און גראָד אַ האַלב יאָר נאָך דעם גרויסן גירוש נאָך זבאָנשין און נאָך די נאָוועמבער־פּאָגראָמען איבער גאַנץ דייטשלאַנד און עסטרייך, ווען הונדערט טויזנטער האָבן געזוכט אַ שטיקל מקום מנוחה, האָט די דאַמאָלדיקע קאָנסערוואַטיווע ענגלישע רעגירונג אונטער טשעמבערליין אַרויסגעגעבן דאָס שוואַרצע „ווייס־בוך“, וואָס האָט געוואָלט אָפּשטעלן און אָפּשאַפן דעם נאַטירלעכן שטראָם פון יידישער אימיגראַציע אָדער עליה נאָך ארץ ישראל.

די אַלגעמיינע אַטמאָספערע איז דאַמאָלס אין אונזער אייראָפּעאישער וועלט געווען אַ געשפּאַנטע. נאָך דעם גרויסן „אויספאַרקויף“ פון אַבעסיניע, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי, האָט מען געהאַט דאָס געפיל, אַז דער ווידערשטאַנד קעגן די שוואַרצע כוחות פון נאַציזם און פאַשיזם וועט אַמאָל אויסברעכן. מען האָט געהאָפט, אַז די געזונטע גייסטיקע און פּראָגרעסיווע כוחות פון דער דעמאָקראַטיע וועלן זיך זאַמלען. און ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן מיט אַלע אירע באַגלייט־דערשיינונגען פון קאַמף, עלענט און פאַרניכטונג האָבן מיר קיין מינוט נישט געצווייפלט, אַז ווען די פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטישע כוחות וועלן זיגן איבער נאַציזם און באַרבאַריי, וועלן מיט



אַלע אונטערדריקטע פעלקער און ראַסן אויך מיר יידן ווערן באַפרייט און רעהאַביליטירט. און דאָס טרויעריק־באַרימטע שוואַרצע „ווייסבוך“ וועט פאַרשווינדן און ווערן אָפּגעשאַפט אַלס אַ שאַנדפלעק פון דער אַמאָליקער „רודף שלום־פּאָליטיק“ מיט אַ היטלער און מוסאָליני.

און ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז געוואָרן קלאָר, אַז דער יונגער דור, וואָס האָט געקעמפט און באַזיגט די שוואַרצע כוחות, וועט נישט וועלן מער צוריק גיין צו דער אַלטער אָרדענונג. די פּאַרטייען פון „אַפּיזמענט“ זענען געווען באַנקראָט. ביי די גרויסע וואַלן האָט געזיגט די אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע איז דאָס רוב געווען קעגן די ווייס־בוך־פּאָליטיק און פאַר אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים אין פאַלעסטינע.

האָט דאָך מר׳ סילווערמאַן, אַן אָנגעזעענער דעפּוטאַט פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אינם בריטישן פּאַרלאַמענט געזאָגט: „די אַרבעטער־פּאַרטיי איז די לעצטע האָפענונג פונם יידישן פאָלק.“ מיר האָבן די לייבאָר פּאַרטיי באַטראַכט און געהאַלטן פאַר אַ גרויסן פריינט. און אַ גוטן פריינט האָט מען גראָד נייטיק, ווען מען איז אין נויט. און מיר זענען אין נויט! די טויערן פון דער וועלט זענען פאַר אונז פאַרמאַכט, הונדערט־טויזנטער פון דער שארית הפליטה זענען אָן אַ היים, טוט עס אונז וויי, ווען אונזערע פריינט פון דער לייבאָר־פּאַרטיי האָבן אונז פאַרקויפט פאַר אַ מאָס לינזן און זעצן פאָרט די שענדלעכע פּאָליטיק פון די פריערדיקע רעאַקציאָנערע מאַכטהאָבער.

שוואַך איז דער אויסרייד, אַז זיי מוזן זיך שטאַרק רעכענען מיט דער אַראַבישער וועלט. ווען די אַרבעטער־רעגירונג וואָלט אויפן אמת פאַרלאָזן דעם וועג פון פאַלשן אַפּיזמענט און וואָלט געטריי איר טראַדיציע זיך אָפן אַדורכגעשמועסט מיט די אַראַבער: „זעט, איר אַראַבישע פעלקער, אין דער איצטיקער מלחמה זענען די יידן געוואָרן אויסגענוצט פון אונזערע שונאים אלס סטראַשידלע. ביי דעם דאָזיקן בלוטיקן שפּיל זענען 6 מיליאָנען, מער ווי אַ דריטל פונם גאַנצן יידישן פאָלק געוואָרן אומגעבראַכט. איבער אַ מיליאָן פון זיי האָט אַקטיוו מיט אונז געקעמפט און געהאָלפן מנצח זיין דעם שונא. מיר האָבן מענטשלעכע און מאָראַלישע פאַרפליכטונגען קעגנאיבער די רעשטלעך פון אָט דעם אומגליקלעכן פאָלק. זיי ברויכן אַ היים. אַ טייל וויל גיין צו זייערע קרובים נאָך אַמעריקע און וואואַנדערש, און אַ טייל וועט גיין נאָך פאַלעסטינע, וואָס איז פון אונז געוואָרן צוגעזאָגט אלס יידישע נאַציאָנאַלע־היים א.א.וו.“ אָט אַזוי האָבן זיי געדאַרפט רעדן, און האַנדלען אלס סאָציאַליסטן. וואָס זיי האָבן געטון, ווייסט איר דאָך: זיי האָבן זייער צוזאָג נישט געהאַלטן. זיי שליסן אָפּ דעם ישוב פון דער גאַנצער וועלט, אין פאַלעסטינע הערשט איצט די רויע געוואַלט, די אַרבעט פון דורות ווערט צעשטערט, די לעגאַלע פאָרשטעטער פונם ישוב און פון די זעלבסט־הילף־אָרגאַניזאַציעס זענען אין די טויזנטער אַרעסטירט און פאַרשלעפּט. — ברייכט מען איצטער נאָך צו פרעגן: פאַרוואָס מיר האָבן מאַרשירט?

## י. ביאלסקי

# בוי חלוץ בוי!

די גרונד־מעלאָדיע פון רחל דון־יחיא׳ס טעאַטער־שפּיל אין די בערג פון יהודה






## א. נ. שטענצל

# משיח און זיין אייזעלע
(סאָנעט)

I

וואַרט משיח פאַר די טויערן פון רוים,
פון די קייטן צו ווערן אויפגעבונדן;
די גרינגלעך איבער די פאַראייטערטע וואונדן,
דאַרע קאָרע איבער דעמבענעם בוים.

„קאָן נאָך גרעסערע „חבלי״ זיין — כ׳גלויב קוים!״
וואונדערן זיינע אויגן זיך און דונדן;
נישט פון צער מער זייענען זיי אָנגעצונדן —
זיי זעען דאָך מקוים ווערן דעם טרוים!

„כי־כי־כי״! הירזשעט ס׳אייזעלע זיינס אויף,
און קוקט קאָסאָקאָ צו אים זאָט אַרויף:
„ווי לאַנג צו גריזשען אַ גרעזל נאָר ס׳וועט זיין״ — — —

הערנדיק דאָס האָט משיח שוין פאַרשטאַנען,
גרעסערע „חבלי״ זייענען נאָך פאַראַנען,
און צוזאַמענגעבראָכן אין גרוים געוויין.

II

און אַז געעפנט צוריק זיינע אייגן
ס׳האָט משיח אינמיטן זיין גרוים געוויין,
און געזען ער האָט דאָס אייזעלע שטיין,
איבער דער פעטער לאַנקע אַראָפּגעבויגן;

מיט לייב און לעבן אין גראָז איינגעזויגן,
אַן אויפגעציטערטער הויט און געביין,
האָט, ווי די קייט זיין לייב צום פעלזן־שטיין,
אַ גרוים דערבאַרעמונג זיין האַרץ פאַרצויגן:

אַז בלעם האָט זיין אייזל געקאָנט פאַרשטיין,
זאָל איך, חלילה, מיינס נישט משיג זיין?
וואָס ווייסט אַן אייזעלע מישטיינסנעזאָגט?

זיין גאַנץ גליק אַ האָבערל זאָל אים שמאַכן!
און דאָס געהירזשע איז עס רען אַ לאַכן?
אויף זיין מאָום לעבן עס האָט זיך צעקלאָגט.

III

ווייל אַן אייזל האָט שפּיציק לאַנגע אויערן
קאָן עס דאָך הערן צומאָל וואָס מען טראַכט.
בלייבט עס שטיין געטרייסט מיט אויגן פאַרמאַכט.
אינמיטן דער וועלט פאַרלאָזט און פאַרלוירן.

אָבער נישט אויף אייביג אַזוי ס'זאָל דויערן,
אַז פון זיין פאַרלוירענקייט עס דערוואַכט,
און איידער משיח אינגאַנצן פאַרשמאַכט,
ס'זאָל נאָך קומען געלאָפן פאַר די טויערן,

פאַלט דער שטעקן איבערן אייזלס לייב,
מיט בייזן געהעץ מיט ווילדן געטרייב,
ברענענדיק הינטער אים די פוילע שפּרייזן;

אַז אַן אויפגעוואַכטער פון די קייטן,
משיח זאָל זיך זעצן דערויף און רייטן,
גאַנצע וועלט פון יסורים אויסצולייזן.

IV

שווימען די וואונדן ווייאיק און אָפן,
מיט טריפנדיקן אייטער און מיט בלוט,
און משיח'ס האַרץ, צווישן שפלות און מוט,
אויף כף־הקלע געשליידערט אין אין־סוף.

און ווען מרה־שחורהדיק איבערלאָפן,
די אויגן אַן עפּן ס'אייזעלע טוט,
מיט בליקן אַזעלכע שטילע און גוט,
ווערט משיח'ס האַרץ פול מיט שרעק און מיט האָפן:

„אָ, דאָס סבלנות דיינס, אייזעלע דו,
און אין דיין בליק די פאַרעקשנטער רו,
וויים איך, אָנקומען דו וועסט פאַר די טויערן,

„נאָר אַ שוידער־גרויל טרעשטשעט מיין געביין:
וועל איך אויסהאַלטן ביז דו וועסט דערגיין?
וואָרים ווער ווייסט ווי לאַנג דיין גאַנג קאָן דויערן?“

V

און אַז בלעם'ס אייזל האָט זיך צערעדט,
פאַרוואָס זאָל משיח'ס אייזעלע נישט קענען?
און זיינע בליקן, צעפינקלטע ברענען,
ווי ביי עפּעס אַ ווילדן לין, אַ שד:



„כי־כי־כי, דו וועסט שוין אויסהאַלטן — עס!“
אַז ווער קאָן אייך אַלעמען דען דערקענען?
צי דו צי די אַנדערע, ווער זיי זענען?
ווער ס'האַלט נאָר די לייץ, דער גיט נישט קיין גלעט — — — — —

„די צוגעוואָגטע קומנדיקע צייטן,
רק אויף מיין רוקן ווילט איר זיי דערדייטן!..
כי־כי־כי, „חבלי משיח“, „פאַרשמאַכט“,

דאָס קענען אויסהאַלטן, קענען דערטראָגן— — — — —“
נאָך עפּעס האָט ס'אייזל געוואָלט דערזאָגן,
נאָר פלוצלונג האָט עס די אויגן פאַרמאַכט.

VI

האָט דען אַן אייזל אַן אַנדערע עצה,
ווי פאַרמאַכן די אויגן נישט צו זען,
צו יעטווידער חורבה טון אַ גענען
און מיט גרויס תענוג געריבן די פּלייצע?

איבערן רוקן־קרייץ דאָס בייטש־געמלויצע — —
וויים איך וואָס? ווי ס'וואָלט גאָרנישט נישט געווען!
אַז סיי ווי סיי געשעט, וואָס ס'מוז געשען,
מעלה גירהן דערווייל צוימל פון לייצע.

כי־כי־כי, נישט גערירט זיך פונם שטעל!
גרינג וועט דאָך זיין דאָס שינדן פון דער פעל,
וואָס מערער די בייטשן איבער מיין רוקן — — —

האָט דען אַן אייזל אַן אַנדערע ברירה,
ווי די עצה טובה זיינע די טייערע,
צו פאַרמאַכן די אויגן, נישט צו קוקן?!

VII

זינגען נישט דאָס די גרעסטע חבלי־לייערן:
מיט אוינן אויפגעריסן גרויס און ווייט,
זיך אויפצוכאַפּן, און זיין שוין גרייט — — —
מיינענדיק מ'פּיילט די רינגען פון די קייטן,

און דערזען נאָר דאָס אייזל פון דערווייטן,
דאָס צוימל זיינס מעלה גירה'ט און קיים,
גרוישענדיק, אין אַ „כיב“ען זיך פאַרגיים,
און פּאַכעט מיטן עק פליגן פון די זייטן — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אָ“, צעוויינט זיך משיח אין גרויסן צער:
„איז דאָך גוט, פון אַלע וועלטן דו האַר,
וואָס האָט מיינע הענט אין קייטן געבונדן. —

„אין זיין צער ווער קאָן פאַר זיך ערב זיין! — —
אַליין חלילה, אין מיין חבלי־פּיין,
כ׳וואָלט נאָך פון אייזעלע די פעל געשונדן — — —“

## ביי דער „בייכטע“* פון פאָן פּאַפּען

(צום שלום פון דער „פאַרטיידיקונג“ אינם נירעמבערגער געריכט)

זיצן זיי די אומשולדיקע, די נעבעכלעך,
דאָס האַרץ פון דער וועלט צו מאַכן ווייך און ווייכער:
פאָן יאָדל, פאָן שיראַך, פעלדמאַרשאַל פאָן קייטל
און דער געאַרעלטער פון זיי אַלע — שטרייכער.

דרך־ארץ פאַר העלדן, פאַר פעלדמאַרשאַלן!
סאָלדאַטן זיינען זיי — געטון וואָס געהייסן!
זעקס מיליאָן ייִדן קוילענען, פאַרגאַזן,
און די ציינער צו קענען העלדיש פאַרבייסן,

פאַר קריסט גערמאַנער, פאַר קולטור געטהעיאַנער.
מיינט נישט אַז דאָס איז אַזוי זיך גרינגע זאַכן?
דערפאַר שלעפּט זיך דער משפּט, אַ פאַרשלעפּטע קרענק,
ווייל די מערדאָן פאַר זיי מען מוז ערשט מאַכן.

ווי וועט ער דאָס אויפשטראַלן דער ליבער געריננ,
ווען מ׳וועט אים צו דער ברוסט די מעדאַל צו שטאַכן,
ער וועט זיך זיכער היימן אויפשפּילן דעמלט,
נישט אַ וואַגנער מאַרש — אַ פּרעלוריע פון באַכן.

און דעם רעקוויעם נאָך הימלערן און היטלערן
וועט זיינע עמינעניץ, דער בישאָף כלאַנד מאַכן:
„אָ, ווער האָט געקאָנט דענקען אַז אויך דו, נעבלס,
אין דער הייסער מינוט וועסט זיך נאַריש מאַכן;

„האָסט נישט געקאָנט אין אַ פאָר ענגלישע „ברימשעס“,
ווי דער לאַנד חכם פאָן פּאַפּען אַריינקריכן?
ווי ער זיצט דאָס צווישן זיי, צוויי נישט צו ציילן —
אַ דריי איינקיים אויף אַלע פיר צו קריכן!

* דאָס קאַטוילישע זיך מתודה זיין ביים גלח.



„און אַז עפּעס יאָר דאַרטן אונטערגעזינדיקט,
איז דאָך במחילה דאָ קאַטויליש פאַרגעבן,
און אין די ייִדן ביבל שטייט דאָך בפירוש:
׳בעסער פון אַ טויטן לייב, אַ הינטיש לעבן׳.׳

„היטלער, ווי אַ לייב, ווי קריסטוס דער דערלייזער! —
וואָלסט דו אַ טויטער לעבעדיק אויפגעשטאַנען,
נאָר פאַר דיינע אַפּאָסטלס, הינטיש געטרייע,
איז איצט אין דיין אויפשטיין אַ געפאַר פאַראַנען...

„הייל היטלער, מיט שייטערהויפנס, קרעמאַטאָריומס,
האָסט דו דאָך געוואָלט די וואַלהאַלאַ* באַלייכטן — — —
אָ, דיינע גאַז־קאַמער — די ווייריך־קעסלען,
איך שאָקל זיי אַצינד ביי פאָן פּאַפּענס „בייכטן*“

„בענאַ ד׳אַקטיוואַ דאָמינוס — — —“ נישט נאָר וועסט דו
אין זכות פון דיינע „בריטשעס“ לעבעדיק בלייבן,
נאָר נאָך זוכה זיין: אין דיין אייגענעם נאָמען
ייִדן אין קרעמאַטאָריום־אויוונס צו טרייבן — — — — — — —“
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זיצן זיי, די אומשולדיקע, די נעבעכלעך,
שטילע שעפעלעך ממש נישט צו דערקענען — —
צו אַלדי שוואַרצע יאָר! אַז מ׳ווייסט שוין נישט באַלד,
צו זיי, צו די ריכטער די שולדיקע זענען...

ניין, נישט אין די אומשולדיקע מערדער מאָרדעס,
נישט אין די הינטיש־צעקראַכענע געזיכטער,
עס ווילט זיך אַ בראָקע טון, — פ׳ן גאַנצן האַרצן! —
אין אַזאַ געדולדיק פּנים פון אַ ריכטער.

* דער גערמאַנישער גן־עדן.

## וואָלף ריווקין

## אין אַ זומער פרימאָרגן

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ פרעסער)

איך ליג נאָך אין בעט און פיל די מידקייט פון נעכטיקן שפּעט אַרבעטן און איך דערמאָן זיך פּלוצלינג וואָס דער „באָס“ האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז איך זאָל נישט זיין שפּעט אָן קומען פריער צו דער אַרבעט. ווייל ס׳איז דאָ אַסך „ספּעשעלס“. „פּיינעראַלס“ און דאָס מוז ווערן היינט אָפּגעפּרעסט און אַרויסגעשיקט. און דאָ מז שוין אוראי זיין שפּעט, — הער אַ מעשה! און איך ליג נאָך אין בעט.

איך גיב זיך א כאפ ווי עפעס אן אפגעבריטער, ווארף ארויף אויף זיך די בגדים, לויף אראפ אין קיך און וואש זיך בלומשרט ארום, כאפ א פאר שטיקלעך ברויט, וויקל עס איין אין א שטיקל צייטונג פאפיר און לויף ארויס אין איילעניש פון הויז.

אין דרויסן באגעגנט מיר א שיינער זומער פרימארגן. די זון שיינט, ס'איז ווארעם און ליכטיק. ליכטיקע שטיקלעך וואלקן ציען זיך איבערן הימל. די גאס דורך וועלכער איך גיי איז פול מיט לעבן. עס רוישט און קאכט ווי אין א קעסל, פון די מאטאר־קארס און טראמוויייען. וועלכע לויפן ווי די רוחות וואלטן זיי געטראגן.

און אט לויפט דורך א פערד, איינגעשפאנט אין א גרויסן וואגן מיט א קלאפעריי אז ס'פערהילכט די גאס. דער טרייבער זיצט אויפן ברעג וואגן, די פיס אראפגעהאנגען. אין איין האנט האלט ער די לייצעס און מיט די אנ־דערע די בייטשל, וועלכע ער דרייט און פאכעט איבערן פערדס רוקן און דער פערד לויפט ווי אן אונטער געשאסענער.

איך לאז דורך דעם פערד מיט די אויגן און טראכט דערביי, אז דער פערד וואס איז אקארשט אוועקגעלאפן איז זיך מסתמא געשטאנען אין שטאל ביי דער טארבע האבער אדער זעקל היי. און עס וואלט אים גאר קיין מאל נישט איינגעפאלן ארויס לויפן פון שטאל און זיך אליין איינשפאנען, און לויפן אט אזוי דורכן גאס צו עפעס אבאשטימטן פלאץ. נאר א מענטש האט אים איינגעשפאנט, שמייסט און טרייבט אים אין א וועג, וועלכער דער מענטש האט פאר אים באשטימט.

נו, וואס קען ער זיך העלפן!

אבער איך א פרייער מענטש מיט א פרייען ווילן און אויסוואל! מענטשן האבן מיר דען חלילה איינגעשפאנט! טרייבן און קירעווען מיר אין א וועג וואס פירט אין פאבריק? ווייס איך וואס! — כ'האב זיך אליין איינגע־שפאנט, טרייב און קירעווע זיך אליין גלייך אין פאבריק אריין. טא וואס זיינען דא די מענטשן שולדיק! וואס האב איך צו זיי! נו' גיי נישט אין פאבריק אריין! ס'געהערט אביסל!

וואס ס'איז שייך צו זיי צו די מענטשן הייסט עס, איז פון זייערט וועגן קען איך זיך יעצט אומקערן צוריק אהיים, אפעסן א גוטן ברעקפעסט און פאר־טרינקען מיט א גלאז וויין. נאכדעם אוועקגיין הינטערן שטאט. ארומשפאצירן איבער די פעלדער, אוועקלייגן זיך אויף די גרינע ווייכע גראז. אויסרוען דעם מידן קערפער. צו נאר אין פארק ארומשפאצירן צווישן די בלומען, הערן ווי די פייגלען זינגען....

פון די געדאנקען הייב איך אן פאנטאזירן און פארגעס אז איך גיי און אייל זיך אין ווארק־שאפ. נאר איך שטעל זיך פאר אז איך גיי עס צוריק אהיים און אט שטעל איך זיך פאר, איז די גאסל וואו מיין היים געפינט זיך. אט איז די טיר מיט די הענטל פון טיר, אביסל צוגעזשאווערט. איך נעם אן פאר די הענטל, עפן אויף און גיי אריין. איך דערזע פאר זיך דאס באקאנטן



בילד וואס איך בין געוויינט צו זען אלע טאג, דעם גאנצן לעבן מיינעם. גיטל, מיין ווייב שטייט איינגעבויגן ביים אויוון און מאכט פייער. אויף איין האנט האלט זי די בייבי און מיט די אנדערע קלייבט זי די שטיקלעך איבער־געברענטע קוילן פון נעכטן. זי לייגט די שטיקלעך קוילן אויף די נאסע שטיקלעך האלץ און עס וויל נישט ברענען. אין שטוב איז רויכיק. די 3 יאריקע ריוועלע שטייט לעבן איר נאך אין העמדל מיט שמוציקע פיסלעך ביז איבער די קני פון וואלגערן זיך נעכטן אויפן גאס און וויינט שלעפט איר פארן קליידל מאמע עסן!

עסן! עסן! שרייט אויף איר גיטל. נאך נישט די אויגן געעפנט און שוין עסן! פרעסערקע! ראטשילדס אוצרות קען עס אויפעסן.

און אט דאכט זיך דערזעט זי מיר, קוקט אויף מיר פארוואונדערט:

זע בערל — מאכט זי — ביזט גאר געקומען צוריק! וואס איז די מעשה. שוין ווייטער סלעק! נעכטן האסט דאך געזאגט אז ביי אייך איז ביזי!

— נו, אודאי ביזי — ענטפער איך איר דאכט זיך, ס'איז ביזי ווי אין א חולה'ס.

— הערסט איז דאך גוט, טא וואס האסט זיך אומגעקערט צוריק?

אט אזוי. מאך איך, איך בין געקומען אפעסן א גוטן ברעקפעסט און נאכדעם אוועקגיין הינטערן שטאט שפאצירן. האסטו עפעס א גוטן ברעקפעסט גיטל?

וואס מיינסטו עס א גוטן ברעקפעסט? — מאכט זי צו מיר און קוקט אויף מיר מיט צושראקענע אויגן. נעם, ס'איז דא ברויט מיט טיי... גיב א קוק אפשר וועסטו נאך געפינען א שטיקל מארגארין. אבער וואס איז היינט ביי דיר עפעס א יום־טוב. אין מיטן מיטוואך הינטערן שטאט גיין שפאצירן? וואס איז היינט שמחת תורה ביי דיר? און וואס וועט זאגן דער באס דיינער? ווער וועט אפפרעסן די רעק?

די רעק! — מאך איך צו איר. זאל ברענען די רעק מיט די ווארק־שאפ. מיט דעם באס צוזאמען! האסט זיך פארדאגהט פארן באס! דער באס דאגהט עפעס פאר דיר! ער וועט שוין קריגן א האנט!

„ער וועט שוין קריגן א האנט!" — מישט זי מיר איבער, איי קריינע־לעך מיינע, האב איך א מאן א חכם! נו, און פון וואנען וועלן מיר מאכן א לעבן, אז דו וועסט אין ווארק־שאפ ניט גיין, פון וואנען הא?

פליצלונג האב איך אויפגעהערט פאנטאזירן. כ'האב דערזען די ווירקליכ־קייט. פאר מיר איז געשטאנען די ווארק־שאפ מיט די שווארצע פאררויכערטע ווענט. אין איילעניש בין איך אריינגעלאפן אין יארד, דורכגעלאפן פארביי די בערגלעך מיסט וואס ליגט דארטן אנגעווארפן. און איילעניש בין איך אריין אין די זייטיקע טירעלע וואס איז געמאכט פאר די שקלאפן און קריכנדיק אויף די אייזערנע צעררייטע טרעפ, אנהאלטנדיק זיך אן די אייזערנע פאר־זשאווערטע פארענטשע האב איך געטראכט:

א יידינע, א יידינע, און פארט א חכמת — אז איך זאל נישט גיין אין ווארק־שאפ, טא פונוואנען וועלן מיר מאקע מאכן א לעבן? פון וואנען, הא?

## יוסף הלל לעווי

# דאָס חתונה בית הקברות׳ל

(מײַן פיל געליטענעם קוזין יוסף הלל באַרענשטײַן אַ האַרציקע מתּנה)

נעבן רמ״א־שול דער הייליקער, פרומער,
אין קראָקע אין מיטן דעם „הויכע־גאַס־מאַרק״,
שטייט זיך אַ קליינער בית עולם מיט קומער,
ווייל ס׳קומען דאָרט יידן אַהין נאָר נאָך קאָרג.

די הייזער די אַלטע וואָס שטייען געבויגן,
זיי קוקן זיך טיף אין דעם קברות׳ל איין,
מיט טרויעריק מידע פאַרלאָפענע אויגן,
און לייענען וואָס קיינער דאָרט קען נישט פאַרשטיין.

ווייל עטלעכע קליינע מצבות פאַרלאָזן,
זיי ליגן פאַרמעקט אויף אַ בערגעלע ערד,
און ווייטער איז אַלעס באַוואַקסן מיט גראָזן
אַזוי איז אודאי געוועזן באַשערט, —

אַז אַלעס זאָל נשכּח פאַרחרמט דאָ ווערן,
די שטיינער פאַרמעקטע, פון קיינעם באַרירט,
קיין קוויטל, קיין יאָרצייט, קיין פרייד און קיין טרערן,
ווי ס׳וואָלט דאָ גאָר קיינמאָל קיין בייז נישט פּאַסירט...

אַמאָל אין די אַלטע, פאַרגאַנגענע צייטן,
מיט מענטשן — וואָס גאָט אונדז באַשירעט, באַחיט, —
וואָס האָבן פאַרזינדיקט פאַר גאָט זיך און לייטן,
רחמנא לצלן נישט געדאַכט פאַר קיין ייד!

אַ פרייטיק אַ ליכטיקער איז עס געוועזן,
אַ חתונה דאַמאָלט געמאַכט האָט דער גביר, —
דער גרעסטער פון קראָקע זיין איינציקע טאָכטער,
און גרן געגעבן איר געלט אָן אַ שיעור.

דעם חתן דעם פיינעם, דעם עלוי דעם גרויסן,
ווען מ׳האָט מיט זיין כּלה צו חופּה געפירט,
אין זיידענעם שלייער מיט מירטן און רויזן,
מיט דימענט און פערל, בריליאַנטן באַצירט.



און דאַמאָלט ווען ס׳האָבן פאַר פרייד שיִר די סטרונעס
געפּלאַצט פון די פידלען אין קלעזמערשע הענט, —
האָט מיט אַ טלימעק געקוקט זיך באַוויזן
אַ יידל, וואָס ס׳האָט אים נישט קיינער געקענט...

אַ. יידן רחמנים אַזוי האָט דאָס יידל
דאָס קליינע גערופן ברמעות און פּיין,
נאָר קיינער עס האָט נישט געהערט אויף זיין רופן,
און יעדער געלאָזט האָט דעם אָרימען שטיין.

אַ. יידן רחמנים דריי טעג שוין פאַרגאַנגען,
ווי איך האָב קיין ביסן אין מויל נישט געהאַט,
נאָר קיינער עס האָט זיך מיט אים נישט פאַרנומען,
ווייל יעדער פאַרשיכורט געווען איז און זאַט.

אַ. יידן רחמנים האָט ווייטער געבעטן
דאָס אָרימע יידל דריימאָל נאָך אַנאַנד:
איך בין אַזוי מיד און פאַרשלאָפט שוין אָן כּחות,
איך קום פון אַ ווייטן, אַ גאָר ווייטן לאַנד...

צי האָט איר דען גאָר קיין געפיל נישט אין האַרצן,
צי זייט איר דען גליך ווי די שטיינער פון גאַס?
האָט פּלוצים גענומען מיט בייזן ירגזון
פאַרביטערט צו שרייען דאָס יידל פון כּעס!...

און דאַמאָלט ווען ס׳האָבן דער חתן און כּלה,
אין חדר מיוחד אַריין זיך געכאַפּט,
צווישן צוזאַמען פון גילדענעם יויכל
און האָבן די טיר הינטער זיך צוגעקלאַפּט.

עס האָט זיך דאָס יידל מיישב געוועזן,
צו זאָל ער נישט ווידער אויפהויבן די פיס,
און לאָזן אויפסניי זיך אין ווייטע מרחקים
אַהין דאָרט פון וואַנען געקומען ער איז?...

דאָך האָט אים זיין האַרץ און דער שׂכל באַפוילן
אויף בעסער צו בלייבן אַצינד דאָ צוריק. —
צו הערן און זען מיט די אייגענע אויגן,
דעם סוף פון דעם חוזקדיק טרויריקן שטיק...

ס'איז לאַנג נאָך דער חופּה עס כאַפּן שוין ייִדן
זיך טאַנצן אַ טענצל גאָר פריילעך און שטאַרק,
און זינגען, די כלעזמער נאָך שפּילן פאַרשייטער,
אַזוי אַז עס הילעכט אין דרויסן דער מאַרק.

און ס'לאָזן די „סנאָיעס" אין געסל פאַר פּחד
מיט ציטער די איימערס אין ברונעם אַריין,
ביי אַנדערע לויפן די פערט זיך פאַרנאַנדער
אַזוי אַז דער רוב ווי פאַרגאַפט עס בלייבט שטיין.

און דאָ אַך דאָס ייִדל עס פאַלט פון די פיס שוין
און קיינער דערלאַנגט אים קיין ביסן ניט צו,
פאַרביי איז די כלה מיט כעס נאָך געשריען:
טראָג אָפּ זיך די שלעפּער, און לאָז אונדז צורו!

און מ'האָט זיך געוואָרפן מיט פּירות און פלאָדן,
און ס'האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער דער ווייַן,
און אָט איז דער הייליקער שבת געקומען
און מ'האָט אים פאַרגעסן מקבל צו זיין....

און דאַמאָלט האָט ס'ייִדל צעזאַמען גענומען
די כחות די לעצטע און האָט זיך געווענדט:
צום עולם און גרויליק אַ קללה געשאָלטן,
אַזוי אַז עס האָבן געציטערט די ווענט.

„פאַרשאָלטן זאָל בלייבן דער חתן און כלה,
און נאָט זאָל אויף אייביק פאַרשליסן איר טראַכט.
די כלעזמער רשעים, די ייִדן דאָ אַלע,
עס זאָל זיי פאַרהילן אַן אייביקע נאַכט!

און ווערן עס זאָל פון דער חתונה שמחה,
אַ חורבן און אַלעס זאָל בלייבן צעשטערט.
און ס'טרעפהנע הויז מיט די בייזע אכזרים
זאָל ווערן ניין איילן פאַרזונקען אין דרערט!"

און באַלד האָט דערהערט זיך אַ פּחדימדיק קלאַפּן.
ווי ס'וואָלטן זיך קנאַכן פון מתים געשיט,
און ס'האָט זיך דער עולם געלאָזן אַן לשון,
צו טיר און צו פענסטער מיט אייליקע טריט.



און פלוצים איז נעלם געוואָרן דאָס ייִדל,
און ווי נאָר ער איז פון דעם מקום אַרויס, —
געוואָרן איז פינסטער, און ס'איז אַ בית־קברות
פאַרבליבן ביז היינט פון דעם חתונה-הויז...

ציים דאַמאָלט מאַכט קראָקע ניט חתונה מער פרייטיק.
און דאָס אליהו הנביא געמיינט...
זכותו יגן עלינו במהרה,
דאָס קברות'ל שטיים נאָך לזכר ביז היינט.

## קיטי בראַון

# אונזער נייער פּראָבלעם
(אַ לאָנדאָנער פעליטאָן)

צו די אַלע שווערע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס בעשעפטיקן זיך איצט די פירער פון דער וועלט, פּראָבלעמען, ווי צו עקאָנאָמיזירן, פאַרלייכטערן דעם צושטאַנד פון דער מענטשהייט, ווי צו מאַכן אַ סוף צו מלחמות, וועלכע ווישן כמעט אָפּ גאַנצע לענדער און פעלקער, ווי פטור צו ווערן פון אונזערע שונאים די פאַשיסטן... ווי צו פאַרגרעסערן די באַפעלקערונגען, טראָץ די קליינע צאָל געבורטן, און נאָך און נאָך פּראָבלעמען אַזעלכע, פון וועלכע איך וואָלט געקענט אויסרעכענען אַ גאַנצן צעטל; צו אָט די אַלע פּראָבלעמען איז לעצטנס צוגעקומען נאָך ווער אַ וויכטיקער פּראָבלעם, פון וועלכן מיר ליידן שטאַרק אין די לעצטע יאָרן, זינט די וועלט האָט גענומען „פּראָגרעסירן" מיט איר ציוויליזאַציע.. און אָט דעם וויכטיקן פּראָבלעם האָבן אונזערע וועלט־פאַרזאָרגער אין גאַנצן פאַרגעסן און אים איבערגעלאָזט אויף די הענט פון יחידים, זיך מיט אים צו באַשעפטיקן..

און דער פּראָבלעם איז:—וואָס טוט מען מיט אַ מאַמען ווען זי ווערט אַלט?...

פון וואַנען זשע מיינט איר נעמט זיך צו מיר אָט דער פּראָבלעם? נישט חלילה פון שמודירן די פראַגע, אויך נישט פון עוסק זיין מיט איר בפועל ממש, אפילו נישט מיט דער כוונה צו שרייבן אַ פעליעטאָן אויף דער טעמא...

זי איז אָבער אויך נישט אַנטשטאַנען פון זיך אַליין, „אַה, נאָו!" אַזעלכע געניאַלע איינפאַלן קומען נישט צו מיר גלאַט אין דער וועלט אַריין. דאָס גיב איך אייך איבער אַ מענה, וועלכע מיינט אַ באַקאַנטער האָט פאַר מיר אויסגעקנעלט אין אַ רעסטאָראַן אינמיטן ווייטשעפּל...

צו יענער צייט בין איך מיר געזעסן רואיק, איינע אַליין ביי אַ טיש,

און געלייענט אַ צייטונג. ווען פּלוצלונג האָב איך דערפילט אויף זיך צוויי שווערע הענט מיט אַן איסרוף פון אַ גראָבער, באַסאָווער שטימע:

— האַלאָ, אייך דאַרף איך האָבן...

איך האָב אויפגעהויבן מיין קאָפּ און דערזען פאַר זיך אַ באַקאַנטן ייִדן, דעם ברייט־ביינערן און פול־בייכיקן אַלרייטניק, וועלכער האָט אַמאָל געהייסן משה גאָלדשטיין און רופט זיך היינט מאָרים גאָלד.. אַ זאַט אָנגעפּרעסנער, נאָך אַ פעטן מיטאָג, האָט ער זיך נעבן מיר אַוועקגעזעצט און דווקא געוואָלט, אַז איך זאָל אים אַן עצה געבן.

— איך וויל ביי אייך עפּעס פרעגן. איר זייט דאָך אַ שרייבער, און איך ווייס, אַז איר קומט זיך צונויף יעדן טאָג ביים טיש מיט אינטעליגענטע, קלוגע מענטשן: מיט רעדאַקטאָרן פון אַלערליי „פּייפּערס", מיט שרייבער, דיכטער און אַנדערע... פאַרשטיי איך, אַז איר האָט פון זיי געלערנט אַביסל חכמה.. דערפאַר וועט איר מיר קענען ראָטן צום בעסטן און מיר קענען געבן אַ „פּראָפּער אַנסער צו מיין קוועשטשן"... קודם כל האָט ער מיך מכבד געווען מיט אַ גוטן ציגאַרעט פון זיין גאָלדענער פּושקע. מיר האָבן פאַררויכערט און ער האָט דערציילט:

— מיין מאַמע, — זאָגט ער, — וואוינט שוין ביי מיר סינס די לעצטע צוואַנציק יאָר, אונבאַשריען... און „מיינד יו" עס האָט איר ביי מיר קיין זאַך נישט געפעלט. ס'איז אמת, אַז זי האָט שווער געאַרבעט, געהאָלפן מיין ווייב אין הויז, געהאָלפן דערציען מיינע קינדער; זי האָט מיר אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס איז פאַרבליבן נאָך מיין טאַטנס טויט, עליו־השלום, און מיר זענען אַלע געווען „סאַטיספייד"...

אָבער די לעצטע פּאָר יאָר איז זי מער נישט די זעלבע ווי געווען, און מיר האָבן גרויסע צרות פון איר. אירע אויגן זענען געוואָרן שוואַך. זי זעט נישט אַזוי גוט ווי פריער און דערפאַר קען זי מער גאָרנישט טון אין הויז און מיין ווייב האָט געמוזט אַריינגעמען אַ דינסט. דאָס איז אַן אומזיסטע „עקספּענס" און זי גייט אַרום שטאַרק ברוגז אויף דער מאַמען...

די מאַמע קען עס נישט ליידן. נעמט זי עפּעס טון איז נאָך ערגער. עס פאַלט איר פון די הענט, צעברעכט דאָס געשיר, וואָס איז היינט שווער צו באַקומען; פאַרגיסט די מילך, לאָזט אַראָפּ די בייבי און פאַלט אַליין אַראָפּ פון די טרעפּ... עס ווערט אַ געוואַלד, אַ געפילדער, די קינדער דערשרעקן זיך, מיין ווייב צינדט זיך פון כעס. מען שיקט רופן אַ דאָקטאָר, הייסט ער דער מאַמען ליגן אין בעט...

נו, דאָס וואָלט שוין געווען אַלרייט; זאָל זי ליגן געזונטערהייט... איז אָבער פאַראַן אַן אַנדער „סטאָרי": מיין פרוי דאַרף זי באַדינען, און אַז אַ שנור באַדינט אַ קראַנקע שוויגער, ווייסט איר דאָך שוין וואָס עס טוט זיך... נאָר איך מיש זיך נישט, נישט מיינע ביזנעס...

די וועלט זאָגט אַ ווערטל, אַז וואָס עס ווערט אַלט, דאָס טויג נישט מער. און דאָס איז „קוויט ריים". אָבער צו אַלע אַלטוואַרג איז דאָ אַ מיטל... נעמט



„סופּאָזינג" אַ פּאָר אַלטע שיך, לאָזט מען ווי פאַרריכטן; אַן אַלטן „סוט" פאַרקויפט מען; אַלטע ברויט שענקט מען אַוועק אַן אָרימאַן; אַן אַלטע מויד מאַכט מען חתונה (אויב מען קען...) אַן אַלטן חוב פאַרלייקנט מען; אַן אַלטע שוויגער וואַרפט מען אַרויס; אָבער מיט אַן אַלטער מאַמען איז מען אומגליקלעך! עס איז פשוט נישטאָ וואָס צו טון מיט איר...

נישט מען קען זי פאַרריכטן, נישט פאַרקויפן, נישט אַוועקשענקען, נישט חתונה מאַכן, נישט פאַרלייקענען און נישט אַרויסוואַרפן! מיט איין וואָרט, מע מוז זיך האַלטן מיט איר אַזוי לאַנג ווי גאָט וויל און נישט ווי מיר ווילן! און ווי איז נאָך די „קעים", אַז איך האָב זי „אינשורט" אויך? איך צאָל און צאָל אָן אַ סוף און אָן אַן עק... ווילאַנג איז דער שיעור צו צאָלן, איך בעט אייך?... דער „עקספּענץ" היינטיקע צייטן איז זייער גרויס. איך מיין, אַז איך דאַרף אייך נישט אויסרעכענען, מן הסתם ווייסט איר וואָס עס קאָסטן היינט פעטע „טשיקנס", אַביסעלע גוטע ברענדי זיך דאָס האַרץ צו דערכאַפּן... עטלעכע דאַזן אייער און נאָך אַזעלכע זאַכן, וועלכע מען מוז האָבן. אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף דאָך עסן!...

מיין ווייב אַ מייען פער־קאַוט האָב איך געמוזט קויפן. די שכנים אויף להכעיס, אַרויספאָרן אויף אַ האָלידעי מוז מען אויך... ווייל וועלכער אָנשטענדיקער מענטש פאָרט עס נישט היינטיקע צייטן? טאָ ווי קען איך זיך נאָך דערלויבן צו צאָלן אינשורענס אויך פאַר אַן אַלטער מאַמען? אָבער איך צאָל כסדר שוין יאָרן לאַנג. מילא. טראַכט איך, אַמאָל וועל איך דאָך אויפהערן צו צאָלן... איך האָב זי פאַרזאָרגט מיט אַ פיינעם סיט אין שול, און געקויפט אַ שטיקל ערד אויף „ערמאַנטאַן", אָבער ביי איר איז קיין זאַך נישט אָנגעלייגט און זי האַלט אין איין „גראַטבלען"...

איי, איר וועט מיר זאָגן, אַז זי האָט מיך אויף דער וועלט געבראַכט, געליטן פון מיר און זיך געמוטשעט ביז זי האָט מיך דערצויגן, זעט איר דאָס זענען פּוסטע נאַרישקייטן; „דעטס נאַטינג"! איבערהויפּט איז עס דאָך שוין אַן אַלטע מעשה מיט אַ לאַנג טיים צוריק. איך האָב עס שוין לאַנג פאַרגעסן... אַן די מאַמעס דאַרפן אויך זיין מענטשן מיט „סענס" און נישט פאַרלאַנגען, אַז די קינדער זאָלן זיי אָפּצאָלן פאַר יעדער קלייניקייט...

און נאָך אַ זאַך. הערט אַ חוצפּה פון אַן אַלטער מאַמען. קריסמעס האָב איך געמאַכט אַ פּאַרטיע פאַר מיינע פרענדס. צוגעגרייט פון אַלעם גוטן: אַ קריסמעס בוים פאַר די קינדער, אַ געבראַטענעם אינדיק פאַר די געסט, און אַזוי ווי מיר זיצן אַלע אַרום טיש און פאַרברענגען פיין, די קינדער טאַנצן, דער גראַמאָפאָן שפּילט אַ רעקאָרד פון חזן אַסעלע ראָזענבלאַט, וועלכן איך האָב ליב צו הערן, מאַכט זיך פּלוצלונג אויף די טיר און זי איז אויך דאָ... וויל אויך זיין צווישן מענטשן, זאָגט זי! און מיט אירע „אָלד פעשן מענערס", און מיטן שייטל אויפן קאָפּ, הייבט זי אָן רעדן אַ צובראָכענעם ענגליש מיט מיינע פריינד...

אין מיר קאָכט דאָס בלוט פון שאַנדע, און מיין ווייב גייט עס פשוט

אין לעבן, גיי איך צו און בעט זיך ביי איר אין דער שטיל, „מאמע“ פאר „גאָדס סעיק“, גיי אַרויס פון דאַנען, איך שעם זיך.... אָבער זי וויל דערפון נישט הערן. נעמט און זעצט זיך אַוועק צווישן די געסט און טו איר עפּעס....

ווערט מיין ווייבל שטאַרק אויפגעבראַכט און הויבט זיך אָן קריגן מיט איר. דאָס האַלט אָן אַזוי לאַנג ביז מיינע פריינט גייען זיך פאַנאַנדער, אָן אַ זיי געזונט. און מיין קריסמאַס פּאַרטיע, וועלכע האָט מיך געקאָסט אַזוי פיל געלט ווערט צעשטערט. און אַלץ צוליב מיין אַלטער מאַמען...

איצט, אַז איר האָט שוין געהערט אַלע צרות וועלכע איך שטיי אויס פון איר, זייט זשע אַזוי גוט און גיט מיר אַן עצה....

איך האָב אים אָנגעקוקט און געשוויגן אַ ווײַלע.

— וואָס זשע, איר האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן? — האָט ער זיך אָנגערופן מיט פאַרדרוס. — צו וואָס זשע האָב איך אייך באַדאַרפט דאָס אַלעס דערציילן?

— צו זאָגן, האָב איך שוין גראָדע יאָ, און אַ סך צו זאָגן, אָבער איך וועל עס מאַכן פּראַקטישער און אייך שרייבן אַ בריוו וואָס איך דענק וועגן אייער פּראָבלעם..

שרייבן, פאַרשטייט איר מיך, איז לייכטער ווי זאָגן...

י. ביעטש

## א גאסט אין לאַנדאָן

ד״ר י. נ. שטיינבערג ווײַלט איצט אין לאַנדאָן שוין באַלד פיר חדשים. און ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, איז ער נישט קיין גאַסט ביי אונז. עס דוכט זיך אים אַז ער איז נאָר וואָס צוריק געקומען פון אַ לאַנגער רייזע און איז מיט אונז דאָ אַ גלייכער תושב.

דער נאָמען שטיינבערג איז גוט באַקאַנט ווי נאָר עס געפינט זיך אַ ייִדישער ישוב. ער איז אַ פּערזענליכקייט וואָס פאַרנעמט אַ חשובן אָרט אין די ייִדישע דענקענדע אין ליטעראַרישע וועלט. עס זיינען פאַראַן ווייניק מענטשן אין אונזער צייט, וואָס האָבן זיך אַזוי ווייט און ברייט קונה־שם געווען, דורך זיינע ליטעראַרישער טעטיקייט. עס איז אַ תענוג רוחניות אים צו הערן ריידן. אפילו די וואָס זיינען נישט מסכים מיט זיינע אידעען, מוזן צוגעבן, אַז דעם אופן ווי אַזוי ער באַהאַנדלט ייִדישע פּראָבלעמען און די טאָלעראַנץ ווי ער באַציט זיך צו פרעגן וואָס זיינען נישט אין אַנקלאַנג מיט זיינע מיינונגען האָט געוואונען פאַר אים אַנערקענונג אינם הינגן ייִדישן לאָנדאָן.

ערשט דעם 16 יולי האָב איך געקריגן די געלעגנהייט צו האָבן מיט אים



אַ אינטערוויו, ייִדישלעך געזאָגט אַ שמועס. מחמת זיין גרויסע פאַרצווייגטע אַרבעט וועגן ענינים, וועלכע זיינען נוגע דעם ייִדישן פאָלק, און נעמט ביי אים צו די גאַנצע צייט.

אויף מיין פראַגע וועגן זיין לעבן און שאַפן — האָט י. נ. שטיינבערג אַ שמייכל געטון, אַזוי אַז ס׳האָט אין דער רגע אויסגעזען, ווי איינער זאָגט אייב איר ווילט דוקא, נו, עס וועט קיינעם קיין שאָדן נישט ברענגען. ער גיט איבער, אַז אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך געווידמעט אין גאַנצן די רוסישע רעוואָלוציע, זייענדיק איינער פון דער פּאַרטיי סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. די פּאַרטיי פון גרשוני, חיים זשיטלאָווסקי, ש. אַנסקי, און אַנדערע. אָבער צוליב זיין טעטיקייט אין דער פּאַרטיי, איז י. נ. שטיינבערג געוועזן אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

אינם יאָר 1913 קומט שטיינבערג צוריק קיין מאָסקווע און זעצט פאָר זיין אַרבעט אין דער פּאַרטיי. אין דער רעוואָלוציע פון 1917 ווערט ער אַ מיטגליד אין דער ערשטער סאָוויעטישער רעגירונג, אַלס פאָלקס קאָמיסאַר פון יוסטיץ. אינם זעלבן רעגירונג איז געוועזן נאָך איין ייד — לעוו טראָצקי. אָבער נאָך אַ יאָר מיטאַרבעט מיט דער רעגירונג האָט שטיינבערג רעזיגנירט צוליב ערנסטע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

מיט איניקע יאָר שפּעטער קומט י. נ. שטיינבערג קיין בערלין וואו ער גיט זיך איבער בלב ונפש די ייִדישע ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע אַר־בעט. ער גיט אַרויס די זאַמל ביכער „פרייע שריפטן“ פאַרן ייִדישן סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק. חוץ דעם האָט ער פאַרעפנטליכט איניקע וויכטיקע ביכער וועגן די רוסישע רעוואָלוציע אין ייִדיש. צווישן זיי איז געוועזן זכרונות פון אַ פאָלקס קאָמיסאַר און אַ בוך „מאַריאַ ספּירידיאָנאָווו“, און אַנדערע ביכער אין ייִדיש. אמת געזאָגט אַז אויך פריער איז שטיינבערג געשטאַנען גאַנץ נאָנט צו ייִדישער קולטור אַרבעט און צום ייִדישן פאָלק. דאָס דערקלערט זיך דערמיט וואָס ער האָט אין זיין יוגנד באַקומען אַן עכטע ייִדישע דערציאונג. עס מוז אויך באַטאָנט ווערן, אַז אין די פּאַרטיי פון „עס־ערן“, האָט זיך קיינמאָל נישט געוויזן קיין טענדענץ פון אַסימילאַציע, און צווישן די פירער זיינען געווען אַזעלכע יידן סאָציאַליסטן ווי חיים זשיטלאָווסקי, ש. אַנסקי א.א.

די געשעענישן אינם דאַמאָלדיקן היטלער דייטשלאַנד, האָבן געצוואונגען אים צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און ער קומט קיין לאָנדאָן, וואו ער טרעט אַרויס מיט רעפעראַטן, וואָרנדיק קעגן די גרויסע געפאַר וואָס רוקט זיך אָן אויפן ייִדישן פאָלק. ער גיט גלייכצייטיק אַרויס אַ וואָכן שריפט „דאָס פרייע וואָרט“, וועלכע איז דערשינען אַריבער זעכציק נומערן. דער זשורנאַל האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג, דערמיט וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אַן ערנסט אויפריכטיק וואָרט, אַפּעלירנדיק דורך די שריפט צו געמיינזאַמער אַקציע אינם באָיקאָט אויף דייטשע סחורות, דערמיט צו ווירקן אַקעגן די רדיפות, וואָס ס׳האָבן זיך גענומען אויסשפּרייטן אויף די יידן.

אינם 37־טן יאָר האָט שטיינבערג זיך פאַראינטערעסירט מיט דער נייער פריילאַנד־באַוועגונג און שפּעטער אין גאַנצן זיך אָפּגעגעבן דעם געדאַנק. אין אויפטראָג פון דער פריילאַנד ליגע פאָרט ער קיין־אויסטראַליע, אויסצופאָרשן די מעגליכקייטן פאַר אַ גרויסער יידישער קאָלאָניזאַציע, וואו יידן זאָלן קענען געפינען אַ מקום מנוחה פון דעם תמיד געפּלאָגטן לעבן. אין סוף פונם מלחמה יאָר באַזעצט ער זיך אין ניו־יאָרק, וואו ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין די פריילאַנד ליגע־אַרבעט. ער רעדאַגירט דאָרט די מאָנאַט שריפט פון דער באַוועגונג „אויפן שוועל".

אויף דער פראַגע וואָס ער דענקט וועגן יידיש לאָנדאָן האָט שטיינבערג געענטפערט איך האָב זיך דאָ באמת דערפרייט, און פיל זיך יונגער מיט גאַנצע זיבן יאָר. עס דוכט זיך מיר אַז איך בין גאָר נישט געווען אַוועק געפאָרן. איך הער אַזוי אָפט פון אַלע זייטן אַז „לאָנדאָן איז אַ מדבר". איך בין בשום אופן נישט מסכים מיט דער מיינונג. אַ מדבר ווערט געשאַפן פון מדבר מענטשן, פאַרקערט עס איז נישטדאָ קיין שום יידישער פּלאַץ וועלכן מען זאָל נישט קענען פאַרוואַנדלען אין אַ ווינקל פון יידישע קולטור. עס איז געווען פאַר מיר אַ נחת רוח צו זען ווי די העפטלעך פון א. נ. שטענצל האָבן אויסגערייפט ביז צו אַ חודש זשורנאַל. עס איז צו באַוואונדערן די עקשנות מיט וועלכע אַ קליינע גרופּע פון „יידיש־לשון" באַשיצן אָט דעם זשורנאַל.

עס איז דאָ אַ יידישע פאָלקס־גאַס אינם אַלטן לאָנדאָן, ווייטשעפּל. און אַ ביסל פון דער זייט איז דער בנין פונם אַרבעטער רינג. דאָרטן אין דעם בנין האָב איך געטראָפן די באַקאַנטע ערענסטע, לעבנס דערפאַרענע פּנימער פונם יידישן האָראַפּאַשנעם מענטש. איך האָב דאָ געפונען אַ שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג און אויך מערקווירדיקע אַנשטאַלטן פון רעליגיעזן לאָנדאָן אין ישיבות. עס איז נישט קיין צווייפל אַז נישט נאָר אַסימילאַציע געוועלטיקט אין אַסך יידישע פאַמיליעס. נאָר פאַרקערט עס בלאָזט דאָ איצט אויך אַ געזונטער יידישער ווינט. אינם יידישן לאָנדאָן זיינען פאַראַן אַסאַך קולטור טוער, און ווען זיי וואָלטן זיך צוזאַמען גענומען קענען זיי ווערן אַ פיינער גייסטיקער כוח.

האָט איר דאָ עפּעס אויפגעטאָן? — אויף דעם ענטפערט שטיינבערג, עס ווילט זיך אונז אויפבויען אַ געזונטע פריילאַנד ליגע אויך אין ענגלאַנד. איינגנטליך האָט די באַוועגונג מיט פערציק יאָר צוריק זיך אָנגעהויבן אין ענגלאַנד. אונטער דער פירונג פונם פאַרשטאָרבענעם ישראל זאַנגוויל. די נייע פריילאַנד ליגע האָט זיך געגרינדעט אויף אַ קאָנפערענץ אינם יאָר 1935 אין לאָנדאָן. די אמתע טרייב קראַפט איז טאַקע געקומען פון פוילן אָבער די פּאָליטישע אַרבעט האָט מען געפירט אין לאָנדאָן און פון דאָרטן האָט מען געשיקט אַ שליח נאָך אויסטראַליע. די פריילאַנד ליגע גלויבט אַז נישט געקוקט אויף די גרויסע האָפענונגען וואָס די יידישע מאַסן לייגן אויף ארץ־ישראל, מוז זיך אונזער פאָלק באַוואָרענען באַצייטנס מיט נאָך אַ לאַנד,



אַ טעריטאָריע אויף וועלכער עס זאָל קענען זיך קאָלאָניזירן און בויען אַ געזונט יידיש לעבן.

די באַוועגונג וויל אויפקשטעלן די אַנאַרכישע יידישע עמיגראַנטן לויפעניש, אויף געזונטע פּלאַנמעסיקע אָרגאַניזירטע יסודות. עס איז איצט קלאָר, (און דער שוידערלעכער פּאָגראָם אין קיעלץ האָט עס ווידער באַשטעטיקט), אַז אונזערע פאָלקס ברידער וועלן נישט וועלן פאַרבלייבן אין גרויסע צאָלן אין אייראָפּע. עס איז אויך קלאָר, אַז די פּאָליטישע לאַגע אַרום ארץ ישראל, מאַכט עס זייער שווער צו ריכטן זיך אויף אַ ווייטערדיקער גרויסער קאָלאָניזאַציע דאָרטן. איז, אויב מען וויל נישט פאַרוואַנדלען אונזער פאָלק אין מענטשן שטויב, מוז מען אונזערע וואַנדערער קאָלאָניזירן אויף אַ גרויסן אומבאַזעצטן שטח לאַנד, וואו זיי זאָלן נישט דאַרפן קעמפן מיט די איינגעבוירענער באַפעלקערונג. די פריילאַנד ליגע האָפט אַז אַזאַ פּלאַץ וועט זיך געפינען. אָדער אין אויסטראַליע, אָדער אין אַן אַנדערן פּאַסיק לאַנד, אויב נאָר מיר וועלן דערצו שטאַרק שטרעבן. איך בין צופרידן מיטן אויפבוי, וואָס דאָ אין לאָנדאָן האָט זיך געפונען אַ פיינע גרופּע פאָלקס מענטשן, וועלכע האָבן געשאַפן אַ פריילאַנד אָרגאַניזאַציע, אַ נייע אידעאַלישע גרופּע וואָס וויל אַרבעטן פאַרן וואויל זיין פונם יידישן פאָלק, דאָס וועט נישט אַרימער מאַכן נאָר פאַרקערט באַרייכערן דאָס היגע יידישע לעבן.

צי קען דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איבערנעמען די ראָל פונם פּוילישן יידנטום?

אויף דער פראַגע האָט שטיינבערג אַביסל זיך פאַרטראַכט און זאָגט: עס איז באמת אַ שווערע פראַגע גרינגלעך צו פאַרענטפערן אָבער לויט דער צאָל פון די יידישע מאַסן, איז פאַרשטייט זיך אַמעריקע היינט צו טאָג דער רוקנביין פונם גאַנצן יידישן פאָלק. מען קען זיך נאָר נישט פאָרשטעלן וואָס מען וואָלט געטון היינט אין ארץ ישראל. אָדער אין אייראָפּע. אָן דער הילף פונם אַמעריקאַנער יידנטום. אָבער, גייסטיק און נאַציאָנאַל איז דער ישוב אין אַמעריקע דערוויל זייער ווייט דערפון אום צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ און די ראָל פונם אַמאָליקן פּוילישן יידישן ישוב. אמת געזאָגט האָבן די יידן אין אַמעריקע געשאַפן וואונדערבאַרע גרויסע אינסטיטוציעס, ווי דער אַרבעטער רינג. די יידישע יוניעס. די צדקה־געזעלשאַפטן. די טעגלעכע פּרעסע און ליטעראַטור. אויך אַן אַ שיעור אַנדערע אַנשטאַלטן. פונדעסטוועגן האָבן זיי אַלע, מער אָדער ווייניקער געצויגן זייער יניקה פון דעם גרויסן גייסטיקן מקור פונם פּוילישן יידנטום, אַזעלכע מקורות קען קינסטלעך נישט געשאַפן ווערן. און מיר אַלע וועלן אַביסל שפּעטער, ווען די שבעה טעג נאָך אונזערע אומגעקומענע ברידער וועלן זיך ענדיקן, וועלן מיר ערשט פאַרשטיין וואָס מיר האָבן פאַרלוירן. אמת אין אַמעריקע, (איך נעם דאָ אַריין קאַנאַדע, מעקסיקע, אַרגענטינע), מערקט זיך אַ פאַרשטאַרקונג פון די יידישע קולטור פּאָזיציעס. סיי אויף דעם וועלטלעכן סיי אויף דעם רעליגיעזן געביט. אָבער עס פעלט נאָך יענער

אינערלעכער כוח. יענע נשמה וואָס האָט צוגעגעבן אזא כּרען, און אזא טיפ־קייט דעם יידישן גייסטיקן לעבן אין מזרח אייראָפּע, פונדעסטוועגן מוז איך זאָגן, אז דער אַמעריקאַנער ישוב וועט מוזן אַלץ מער און מער איבערנעמען די אחריות און די פונקציעס פונם אייראָפּעאישן יידנטום. מען מוז עס פון אים דאָס פאַרלאַנגען. אויך די יידן אין ענגלאַנד מוזן עס פאָדערן. דעמאָלט וועט דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב ווערן באַוואוסטזיניק וועגן זיין היסטאָרישער מיסיע און אָנהויבן א נייעם וועג.

## ל. ב. הערוואלד

### ישראל זאַנגוויל

(אייניקע פּערזענליכע שטריכן פון דעם גרויסן יידן צו זיין 20־סטן יאָרצייט)

מיין ערשטע פּערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט זאַנגוויל איז געווען, ביי דעם 7־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1905. איך בין דאַן געווען א דעלעגאַט פון ליווערפּול און אויך דער קאָרעספּאָנדענט פון דעם „אידישען זשורנאַל", די דאַן טעגליכע צייטונג פון לאָנדאָן וואָס האָט דאַן געדרוקט אין פאָרזעצונגען „די קינדער פון דער געטאָ" — זאַנגווילס. עס איז מיר געראָד אויסגעקומען צו זיצן ביי דעם זעלבן שרייב־טיש צוזאַמען מיט זאַנגוויל און זיין פרוי און ער האָט זיך דערוואוסט, אז איך פאַרטרעט דעם לאָנדאָנער „זשורנאַל". האָט ער מיר זער פריינדליך באַהאַנדלט און אונזער פריינדשאַפט האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין טויט.

נאָך יעצט שטעלט זיך מיר פאָר, ווי י. זאַנגוויל שטייט אויף דער טריבונע און רעט מיט פייער איבער דעם גרויסן שאָדן וואָס דאָס יידישע פאָלק וועט ליידן מיט אָפּברעכן די אונטערהאַנדלונגען מיט אזא גרויסער שטאַרקער מלוכה ווי ענגלאַנד, אויב אוגאַנדע איז נישט גענוג, זאָלן מיר בעטן עטוואָס אַנדערש וואָס איז בעסער. דאָס איז ד"ר הערצל'ס פּאָליטישער ציוניזם פאַר וועלכן ער האָט זיין יונגן לעבן געגעבן, דונערט ער. אַנווייזנדיק אויף הערצלס בילד וואָס הענגט איבער דער טריבונע.

„ווען איר וועט פאַרוואַרפן דעם אוגאַנדע־פּלאַן וועט איר זיך פילן ווי איר לאָזט זיך אַרויס רייסן א שלעכטן צאָן. באַפרייט אייך פון ווייטאָגן פאַרן מאָמענט, אָבער דער צאָן פעלט אייך אייער גאַנצן לעבן".

וואָס פאַר א ווייטזעענדיקן געדאַנק זאַנגוויל דריקט אויס אין די געציילטע ווערטערמיט 41 יאָר צוריק? וואָס פאַר א גליק עס וואָלט געווען פאַר די הונדערטער טויזנטער יידן וואָס זיינען אומגעקומען אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן ווען עס וואָלט געווען א פּלאַץ וואו זיי וואָלטן געקענט אַנטלויפן?! דער צאָן פעלט און די פאַלשע אַריינגעשטעלטע ציינער ווערן צעבראָכן!...



זאַנגוויל אַלס רעדנער האָט געהאַט א צויבער־קראַפט. האָט איר געקוקט אויף אים ווען ער גייט האָט איר געזען אַן אַנדער זאַנגוויל, ווי איר האָט אים געזען אין גאַס, אָדער אין הויז. זאַנגווילס א רעדע איז געווען א לעקציע פון א פּראָפעסאָר אין א קאָלידזש, אָדער פּילייכט פון א נביא, און דערפאַר האָט זאַנגוויל תמיד געהאַט דעם גרעסטן עולם געדענק איך אין 1906 דער ערשטער י.ט.א.־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, ביי נאַכט א פּובליק־מיטינג אין פּאַוויליאָן טעאַטער. מיר קומען צום טעאַטער מיט פּלאַטפאָרם בילעטן, טויזנטער מענטשן באַלאַגערן ווייטשעפּל. עס איז אוממעגלעך צו קומען נאָענט צ'ום טעאַטער. מיר ווענדן אָן פּאָליציי־הילף און מיט שוועריקייטן נעמט מען אונז אַריין דורך א זייטיקער גאַס אויף דער פּלאַטפאָרם.

דאָס זעלבע פּאַסירט אין מאַנשעסטער אין 1907. די היפּעררדראָם וואָס נעמט אַריין 4000 פּערזאָן איז געפּאַקט און די גאַסן זענען געפּאַקט מיט טויזנטער מענטשן וואָס קענען נישט אַריין. דאָס זעלבע אין לידז אין 1908 א.ז. וואו נאָר זאַנגוויל רעדט איז שטענדיק דער פּלאַץ געפּאַקט.

אין 1912 אויף דעם י.ט.א. אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין ווין, וואו די „אוגאַנדאַ" און „האַנדוראַס" פראַגן ווערן באַהאַנדלט זיינען די דעלעגאַטן די געסט פון דעם ווינער קולטוס־געמיינדע צוליב זאַנגוויל. שבת זיינען מיר איינגעלאַדן אין דער גרויסער שיף'ס שול און זונטאָג פרי באַזוכן מיר ד"ר הערצל'ס קבר און זאַנגוויל האַלט א קורצע רירנדע רעדע.

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1914, דאַרף די י.ט.א. האַלטן א קאָנפערענץ אין ציריך און די וועלט מלחמה ברעכט אויס אין אויגוסט. די קאָנפערענץ ווערט אָפּגעלייגט, אָבער זאַנגוויל רוט נישט און פאַרזוענדעט זיין טעטיקייט פאַר פרייהייט פאַר יידן אין דער גאַנצער וועלט.

אין נאָוועמבער 1914 שאַפט זיך א קליינער קאָמיטעט אין מאַנשעסטער, מיט דער אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן די יידישע פרייהייט. אַלס י.ט.א. עקזעקוטיוו מיטגליד פרעג איך זאַנגוויל זיין מיינונג, אויב ער וויל זיך באַטייליקן אין אזא קאָמיטעט, ער ענטפערט מיר, דאָס ער האָט אַזוי פיל צייט פאַרשווענדעט מיט די „זאַנעגאַנטע" פירער פון דעם ענגלישן יידנטום דאָס ער האָט באַשלאָסן צו אַרבעטן אליין. זאַנגווילן איז געלונגען צו קריגן א פאַרשפּרעכונג פון סיר עדוואַרד גריי, דער דאַן אויסערן־מיניסטער פון ענגלאַנד, פאַר פרייהייט פאַר יידן אין רוסלאַנד.

אין נאָוועמבער 1915 טרעף איך מיר מיט זאַנגוויל אין זיין היים אין העמפּסטעד. איך קום אַריין און געפין זאַנגוויל שטאַרק באַשעפטיקט אין מאַכן א שלום צווישן זיינע קינדער א יינגל פון 8 יאָר און א מיידעלע פון 5 יאָר. וועלכע ווי ער דריקט זיך אויס קריגן זיך שטענדיק אַרום ווי „פאָטאָס און פערעלמוטער".

אונזער געשפּרעך פאַנגט זיך אָן וועגן די יידישע לאַגע, און וועגן י.ט.א און ציוניזם. איך פרעג אים וואָס ער דיינקט פון די מעגליכקייט צו באַקומען ארץ ישראל אַלס א י.ט.א. לאַנד? אויב עס איז דאָ א מעגליכקייט, זאָגט ער,

זאָלן עס די ציוניסטן אויסנוצן. די י.ט.א. קען עס נישט פאַרלאַנגען, ווײלע עס וואָלט געווען לעכערלעך דאָס צוויי אָרגאַניזאַציעס. זאָלן פאַרלאַנגען דאָס זעלבע. מיר אַליין אַרט נישט ווער עס וועט קריגן פּאַלעסטינע, זאָלן מיר נאָר קריגן וועלן מיר נאָכדעם צייט האָבן צו טײלן זיך מיטן כבוד צו־וועמען דער ערפאָלג געהערט.

זאַנגוויל זעצט פאָר, אַז וואָס ווייטער הויבט דאָס יידישע פאָלק אָן צו פערשטיין די נויטווענדיקייט פון אַ לאַנד. ווען מיר זעען אַ מעגליכקייט צו באַקומען פּאַלעסטינע אַלס אַ י.ט.א. לאַנד איז אונזער פליכט אַנצושטרענגען אונזערע קרעפטן נישט ווייניקער ווי פאַר אַלע אַנדערע לענדער, וועלן מיר האָבן ערפאָלג, איז געוויס גוט, אויב נישט וועלן מיר ווי פריער נישט אויפהערן צו פערלאַנגען וועלכע עס איז אַנדער לאַנד אַלס טעריטאָריע. מיר גיבן פאַרלויפיק נישט אויף אונזער טעריטאָריאַלער שטרעבונג, און מיר שליסן פּאַלעסטינע נישט אויס פון אונזער פּראָגראַם. מיר האָבן קיין רעכט זיך נישט אויפצולעזן אַלס אַן אָרגאַניזאַציע, אַזוי לאַנג ווי דאָס יידישע פאָלק נויטיקט זיך אין אַ לאַנד.

נאָך דעם ווי מיר האָבן פאַרבראַכט אַ פּאָר שטונדן אין דורכריידן די יידישע פראַגע. ביים אַוועקגיין, גיט ער מיר אַ פרעג צי האָב איך געזען זיין בייבע, איך האָב געענטפערט אַז נישט. זאָגט ער צו מיר, איך מוז ווען זיין בייבע, וועלכעס איז אַ וואונדער קינד, און נעמט מיר אָן פאַרן פלייצע און פירט מיר אַריין אין דעם קינדער צימער וואו עס שטייט אַ ייִנגעלע און אין אַ וויגעלע ליגט אַ קינד פון אַ 6 מאָנאַט אַלט, נישט איבעריג שיין. זאַנגוויל ווייזט מיר דאָס קינד און זאָגט, נו, האָט איר ווען געזען אַזאַ קינד? איך קוק אויפן טאַטן און קוק אויפן קינד, דעם טאַטן קען איך, דעם גרויסן זאַנגוויל, און קינד זע איך גאָרנישט וואָס איך זאָל ווערן נתפּעל. איך קען מיר נישט איינהאַלטן און בעט אים מיר צו פאַרגעבן וואָס איך וועל זאָגן. איך בין אויך אַ פאָטער פון קינדער און האָב געזען מיינע און פרעמדע בייבעס. איך קען זאַנגוויל דעם גרויסן שרייבער, פּאָעט, רעדנער און פאָלקס־מענטש, איך זע אָבער זאַנגוויל דעם פאָטער פון קינדער דעם ערשטן מאָל. און אַלס אַ פאָטער מאַכט ער זיך אַזוי נידריק ווי אַלע אַנדערע פאָטערס... ניין! ניין! שרייט ער אַזאַ בייבע איז אין דער גאַנצער וועלט נישט און איך זאָג אייך אַז דאָס וואַקסט אַ וואונדער קינד.

אין 1937 האָב איך זיך געטראָפן אין פּאַרלאַמענט מיט דער קורצלעך פאַרשטאָרבענער פרוי זאַנגוויל, מיט איר איז געווען אַ הויכער יונגער מאַן און זי האָט מיר אים פאָרגעשטעלט איר יינגסטן זון. איך האָב זיי דערציילט דעם פאָרפאַל ווי זאַנגוויל איז געווען אַזוי ענטציקט פון דער בייבע. מיט אַ שווערן זיפץ האָט זי צוגעגעבן אַז פאַר דער בייבע וואָלט ער אוועקגעגעבן זיין לעבן.

אויף אונזער לעצטן י.ט.א. עקזעקוטיוו מיטינג אין 1925 האָב איך באַמערקט אַז זאַנגווילס יאָרן זיינען געציילטע, עס איז נישט מער געווען דער



פייער, דער ברען פון אַ זאַנגוויל, אַ מידער אַ צעבראָכענער האָט ער פאַרלאַנגט אַז מען זאָל געפינען אַן אַנדערן אויף זיין פּלאַץ. ניין, קיינער קען זיין פּלאַץ נישט פאַרנעמען. אַזעלכע גייסטיקע גרויסע פּערזאָנען ווערן נישט געבוירן יעדן טאָג.

אויגוסט 1526 איז זיין קערפּער פאַרגאַנגען. זיין גייסט אָבער לעבט און וועט לעבן אין דער יידישער געשיכטע אויף אייביק.

## באָריס יאַנאַליס

## יידישע בילדער אין דער רוסישער מוזיק*)

אַ העכסט מערקווירדיקע דערשיינונג אין דער רוסישער מוזיק פון נײַנצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז, וואָס זי טראָגט אַזאַ באַשיינפּערלעכן אָריענטאַלישן סענטימענט.

די באַצויבערנדיקע אָריגינאַליטעט פון דער אָריענטאַלישער קונסט, מיט אירע עמאָציאָנעל־גלענצנדיקע, פאַרבן־רייכע בילדער און געוואַלדיקער פאַנטאַזיע, האָט גובר געווען די רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן פון אַמאָל און איבט נאָך אַלץ אויס אַן איינפלוס אויף דעם מאָדערנעם סאָוועטישן קאָמפּאָזיטאָר.

מיכאַיל גלינקאַ, דער גרינדער פון דער רוסישער קלאַסישער מוזיק, האָט קינסטלעריש אויסגעפּאַרמירט אייניקע מזרח ניגונים. דאָס פּרעכטיקע פּערסישע כאָר־געזאַנג אין דער אָפּערע זיינער „רוסלאַן און ליודמילאַ“ און די אָריענטאַלישע טענץ אין דער וועלביקער אָפּערע זענען געבליבן ווי מוסטערן פאַר שפּעטערדיקע קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע האָבן געשאַפן אַ גאַנצע ריי ווערק אינם אָריענטאַלישן סטיל. צו די דאָזיקע געהערן באַלאַק רעוו׳ס מייסטערהאַפטע סימפאָנישע פּאָעמע „טאַמאַר“, זיין פּיאַנאָ־פאַנטאַזיע „איסלאַמיי“; דער פאַרכישופנדיקער פּערסישער יונג־פרויען טאַנץ אין מוסאָרגסקים „כאָוואַנשטשינאַ“; רובינשטיינס צויבערהאַפטע פּערסישע געזאַנגען; די פּרעכטיקע געזאַנגען און טענץ אין באָראָדינס אָפּערע „פּרינץ איגאָר“; רימסקי קאָרסאַקאָווס פאַרבן־רייכע סימפאָניע „אַנטאַר“ און זיין העכסט באַרימטע סימפאָנישע פּאָעמע „שעהערעזאַדע“; אַרענסקיס הערלעכע אָפּערע „ראַל און דאַמיאַנטי“, וואָס איז געבויט אויף אַן אינדישער פאָלקס־עפּיק און, ענדלעך, די פּרעכטיקע „אָריענטאַלישע בלעטער“ אין אַ גאַנצער צאָל ווערק פון דעם עמינענטן רוסישן קאָמפּאָזיטאָר סערגעי ראַכמאַנינאָוו.

מערערע סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן, איינגעשלאָסן גליער און וואַסילענקאָ, האָבן געשאַפן פיל אָפּערעס, סימפאָניעס, אינסטרומענטאַלע און שטיקער פאַר געזאַנג אויף אָריענטאַלע טעמעס.

*) ציגעשיקט פון מאָסקווע.

רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן אויך געצויגן יניקה פון דער שפע אָריגינעל יידישער מוזיק. אויך אין דעם פאַל איז דער געניאַלער גלינקאַ געווען דער איניציאַטאָר. זיין מוזיק צו דער טראַגעדיע „געסטאַן קיקאַלניק־פרינץ כאָלמסקי" אנטהאַלט איניקע מייסטערהאַפטע קאָמפּאָזיציעס, וואָס געבן אונז אַ ווירקלעך און דורכדרינגלעך מוזיקאַליש בילד פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. „רחלס" ביידע געזאַנגען דערשטוינען אונז מיט זייער ערנסטער איינפאַכקייט און צוריקגעהאַלטענעם טראַגישן כח. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אָראַנזשירט אָט די צוויי געזאַנגען פאַר אַ סימפאָנישן אָרקעסטער: איינס „רחלס חלום" ווערט געברויכט אין דער אָוועטורע, דאָס אַנדערע (אַ וואָלקן נידערט אַראָפּ אויף די קברים אין ארץ ישראל) — אין דעם ערשטן מוזיקאַלישן אינטערמעצאָ פון דער דראַמע.

דער עלצטער מאָנומענט פון דער יידישער פּאָעטישער קונסט איז די ביבל, וועלכע דינט ווי אַן אומאויסשעפּבאַרער מקור פון אינספּיראַציע פאַר אַן אַנגעזעענער צאָל רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן. ווייטער שפּינענדיק דעם פאָדעם דער גלינקאַ־טראַדיציע, האָט אַלעקסאַנדער סעראָוו געשריבן די עפּישע אָפּערע „יהודית" אויף דער נוט־באַקאַנטער ביבליש־ציטיקע דערציילונג וועגן אַ העראָאישער יידישער פרוי, וועמנס גבורה האָט מציל געווען איר פאָטערלאַנד. באַנוצנדיק זי אַלס מוסטער, איז עס דעם קאָמפּאָזיטאָר געלונגען צו באַרייכערן דעם רוסישן אָפּערע־רעפּערטואַר מיט אַ העלדישער פּערזענלעכקייט. אַ פּריציייטיקע אָפּערע „רות", פון מיכאַאיל איפּאָליטאָוו וועלכער איז געשטאָרבן מיט צען יאָר צוריק, האָט אויך איר יסוד אויף דעם ביבלישן ספּור־המעשה אויפן זעלבן נאָמען. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַלטע יידישע נגונים פאַר די לירישע שטעלן אין דעם ווערק.

אַנטאָן רובינשטיין, דער גלענצענדער פּיאַניסט און אויסגעצייכנטער קאָמפּאָזיטאָר, האָט געווידמעט מערערע העכסט אינטערעסאַנטע שאַפונגען צו ביבלישע טעמעס.

די העראָאיש־ראָמאַנטישע אָפּערע „די מאַקאַבעער" איז רייך אין בילדלעכע עפּיזאָדן אינם יידישן נאַציאָנאַלן סטיל. פּרעכטיק איז די דראַמאַטישע לאה־ראָלע, הויפּט־זאַכלעך אין איר נצחון־געזאַנג צוזאַמען מיטן כאָר „שאַלט, איר צימבלען!" זער צוציענדיק בפרט אין דער מאָנומענטאַלער אָראַטאָריע זענען די דריי כאָר־געזאַנגען: דאָס רואיק־לירישע כאָר־ליד פון די בני־שם, טרויעריקע כאָר־ליד פון די בני־יפת, פריש און טיפּיש־יידיש איז דער חותם דאָס ערנסטע און מעכטיקע כאָר־ליד פון די בני־שם און דאָס באַזאַכטפון רובינשטיינס אָפּערע „שולמית".

מיליבאַלאַקירעוו, אידעאָלאָגישער פירער פון דער „נייער רוסישער מוזיקאַלישער שולע". איז געווען טיף פּאַראינטערעסירט אין אָריענטאַלישער מוזיק און האָט געשריבן אַ פּרעכטיקע עמאַציאָנעל־יידישע מעלאָדיע צו בייראָנס טעקסט אין לערמאָנטאָווס איבערדיכטונג.

ווערטפולע ביישטייערונגען צו יידישער נאַציאָנאַלער מוזיק האָבן גע-



מאַכט די גרויסע רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן מוסאָרגסקי און רימסקי קאָרסאַקאָוו.

מוסאָרגסקיס כאָר געזאַנג אין „סנחריב" צו בייראָנס ווערטער און דער עיקר „יהושע בן־נון" צום קאָמפּאָזיטאָרס אייגענע ווערטער קענען פאַררעכנט ווערן צו די בעסטע ווערק אין דער מוזיק וועלט אויף יידישע טעמעס. אין דעם דינאַמישן און געוואַלדיק אויסגעצייכנטן כאָר־געזאַנג „יהושע בן־נון" האָט דער קאָמפּאָזיטאָר אַריינגעפלאָכטן אַ ריין־יידישע מעלאָדיע וואָס ער האָט געהערט אין דרום רוסלאַנד. וואו אָריגינעל און זער געפילפול איז מוסאָרגסקיס יידיש געזאַנג צום דיכטער מעיס ווערטער.

רימסקי קאָרסאַקאָוו האָט אין דער יוגנט אין 1867 זיך באַנוצט מיט יידישע בילדער און אפילו דרייסיק יאָר שפּעטער ווען ער איז שוין געווען דער רייפער קאָמפּאָזיטאָר. ביידע זאַכן זענען אינספּירירט געוואָרן פון דער פּערל אין דער וועלט פּאָעזיע — „שיר השירים". זיין יוגנטלעך יידיש ליד פאַר סאָלאָ־געזאַנג, אַ צניעותדיקע און ליידנשאַפטלעכע זאַך, איז געווען געשריבן צו ווערטער לויט מעיס אָראַנזשירונג. „אני ישנה ולבי ער". העכסט קינסטלעריש איז דאָס דועט־געזאַנג פון זיין „שיר השירים" פאַר מעצאָ־סאָפּראַן און באַריטאָן — „אני חבצלת השרון" — אַ וואונדערלעכער הימן צו דער ליבע, וואָס איז שטאַרק ווי דער טויט, ליבע, וואָס „טייכן קענען זי נישט פאַרלעשן".

איינס פון די ווערק פון סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן אין יידישן סטיל איז „די אָוועטורע אויף אַ יידישער טעמע" פון דעם אָנגעזעענעם סאָוועטישן קאָמפּאָזיטאָר סערגעי פּראָקאָפּיעוו, געשריבן פאַר אַ סעקסטעט — צוויי פידלען, וויאָלאַ, וויאָלינטשעלאָ, קלאַרינעט און פּיאַנאָ.

רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן, וועמען נאַציאָנאַלע באַגרענעצונגען זענען לחלוטין פרעמד, ציען כסדר יניקה פון פרישע מקורות פון נייע בילדער און אידעען, נייע אומדערוואַרטעטע ריטמען און אַקאָרדן פון די מוזיקאַלישע אוצרות פון די פעלקער אויפן מזרח און פון יידישער מוזיק.

## 1. „געזאַמלטע לידער" פון יעקב שמואל טויבש

ביים שליסן דעם נומער פונם זשורנאַל באַקומען מיר דאָס בוך „געזאַמלטע לידער" פון יעקב שמואל טויבש, איבער אַ בוך לידער פון איבער 150 זייטן אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן, מוז מען שוין מאַכן אַ „שהחינו". האַלטנדיק עס נאָך אין דער האַנט אַ וואַרעמס.

עס איז דאָס ערשטע בוך לידער פונם מחבר, אָבער דאָס פיינע געשמאַקפולע אויסזען דערפון, דאָס שער־בלאַט, דער באַדאַכטער סדר פון די בוך־טיילן, די אָרדענונג פון די איינציקע ציקלען און די פיין צונעקליבענע לעבעדיקע קעפּלעך פאַר יעטוועדן ליד און לידל זיינען ווי פון אַ זקן ורגיל.

און נישט נאָר דאָס אויסזען, דער „כתונת־פסים" פון די „געזאַמלטע

לידער", נאָר די הקדמה פאַר די לידער איז ווי פון אַ מענטש מיט אַ פּראָגראַם, פון אַ מוסמך מיט אַן אייגענער דעה, וועגן עטיק און עסטעטיק, מיט אַן אייגענעם „פּאָעטישן אמת" וועגן סטיל — מיט שטורעם גייט די הקדמה פאָראויס איינצונעמען דעם פּאַרנאַס!

פאַר די לייענער פון „לשון און לעבן" איז יעקב שמואל טויבש נישט קיין פּנים חדשות, אויך ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס. איז ער אַן אָפטער גאַסט. באַגריסן מיר אים צום דערשיינען פון זיין שיינעם בוך. מיר וועלן אויך נישט יוצא זיין מיט דעם שטיקל רעצענזיע בלויז, נאָר מיר וועלן נאָך מסתמא דרוקן אַן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג. ווייל אַ „זקן ורגיל וזקנו מגודל ומעורב בין הבריות". איז נאָך נישט נענוג, עס מוז אויך זיין „וקולו ערב"... קודם כל ווי אַ דבר בעתו דרוקן מיר איבער פונם בוך דאָס „מנחת־אב"־כאַנעט אין אונזער היינטיקן אב־נומער „לשון און לעבן".

## מנחם אב

פאַרביי איז תמוז, די נשמה ווערט
פון אומעט מרה־שחורהדיק באַשלאָגן;
עס קומט די צייט פון זעצן זיך אויף ד'ערד,
דער טאָג פון בכיה, יאָמערן און קלאָגן...

דער טאָג פון איכה און פון קינות זאָגן
אויף יענעם תשעה באב, ווען ס'האָט די שווערד
פון רוים דעם טויט אין אונזער הויז געטראָגן,
דער הייליקער היכל איז געוואָרן צעשטערט...

ווען יענער פייער־פלאַם האָט זיך דערהויבן,
וואָס האָט דעם בית המקדש אונז פאַרברענט,
דעם בנין, טייער און געליבט, פאַרלענד...

ווען ציון'ס שיינקייט איז געוואָרן געשענד,
די שכינה האָט זיך פון אונז אָפּגעווענד
און — אונזער גלות האָט זיך אָנגעהויבן...

יעקב שמואל טויבש איז נישט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור, פאַר איינציקע יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן זיין קונטרס „דער חיוב פון אבלות". מיר ווינטשן אים מיט זיין אַריינטרעט אין דער יידישער פּאָעזיע נחת און דערפאָלג — ווייל אויך אַ פּאָעט האָט נייטיק אַ שטיקעלע נחמה.



## 2. די פּאַריזער ס.ק.י.ה.־קינדער

לאָנדאָנער יידן זיינען אָפּנים צופיל פּאַרקאַקט איצט מיט יידישער פּאָליטיק, און אָפּגעשראָקן פון די שרייענדיקע צייטונגס־קעפּלעך. — וועלכע פּאַסן גאָר נישט אַזוי פאַר די שטילע ענגלענדער! — וואָס שמעקט שוין אַ ביסעלע מיט אַנטיסעמיטיזם־בייגעשמאַק און מיידן אויס עפנטלעכע יידישע פאַרזאַמלונגען. דערפאַר מסתמא האָט מען קוים געזען אַ 2־3 מנינים יידן פרייטיק, דעם 26־טן יוני, ווען דער „יידישער אַרבעטער הילפס קאָמיטעט אין ענגלאַנד" האָט אויפגענומען די 110 פּאַריזער ס.ק.י.ה.־קינדער אינם יידישן טעאַטער אין אָדלער סטריט, וועלכע זיי האָבן דאָ אַהערגעבראַכט אויף דערהוילונג אויף איניקע וואָכן.

נאָך דער באַגריסונג־רעדע פון דעם בונדישן פירער אין לאָנדאָן, בליט און דעם אַרבעטער און קולטור כ. מינדל און נאָמען פון דער דערציאונג־קאָמיסיע ביים אַרבעטער־רינג און פונם סעקרעטאַר פונם יידישן אַרבעטער הילפס קאָמיטעט ס. עלשטיין און פון מיר, אין נאָמען פון די נישט געקומענע יידישע לאָנדאָנער יידישע קינדער צו באַגריסן זייערע יונגע חברים און געסט. האָט זייער פירערין חברטע צירל, געהאַלטן אַ געלונגענע רעדע איבער דעם צוועק פון זייער אַהערקומען און דערציילט פון זייער אונטערגרונד־ און פּאַרטיזאַנער לעבן אין פראַנקרייך אונטער די נאַציס.

דאָס זיינען זיי געסט פון די „סאָציאַליסטישע וואָרלאַנדעס", צוזאַמען מיט נאָך 1000 קינדער פון פאַרשידענע לענדער און פעלקער, וואו זיי ווילן פאַרברענגען אין „קעמפּס" ביים ים איניקע וואָכן אין חברשאַפט און פריינטשאַפט; און ווי די אַנדערע קינדער אין זייערע שפּראַכן, ווילן זיי אויפפירן אין יידישן זייערע פאָרשטעלונגס־שפּילן אין יידיש און זינגען זייערע יידישע לידער — עס איז אַ חברישער קולטור־אויסטויש אין סאָציאַליסטישן זין!

פאַרזיצער פון אָוונט איז געווען חבר בירנבוים, איינער פון די אָנגעזעענע אַלטע חברים בונדיסטן אין לאָנדאָן.

צום שלום האָב נאָך די קינדער געזונגען יידישע לידער און רעציטירט יידישע לידער. זיכער מיט פראַנצויזישן אַקצענט. אָבער קינדער פון רייבע „היברו־קלאַסעס" און בעלי־בית'שע חדרים וועלן זייערע למודים נישט שענער און בעסער אויספירן וואָלט דוד איינהאָרן געהערט ווי אַ קליין מיידעלע האָט דעקלאַמירט זיין ליד „הענט", זיין פּעסימיסטיש האַרץ וואָלט האָפערדיקער געוואָרן, אַזויפיל האַרץ האָט דאָס מיידעלע אַריינגעלעגט ביים לייענען דאָס דאָזיקע ליד, ווייניגסטנס.

דער קבלת פּנים פון די קינדער איז געווען אַ הייבנדיקער ביז טרערן, די שפּורן פון די שוואַרצער נאַצי־צייט ליגט נאָך אויף זייערע שמאָלע פּנימלעך, און פון די אויגן קוקט יעדן פון זיי אַרויס אַ פאַרשלעפּטע מאַמע, אַ טאַטע, אַ נישט צוריקגעקומענער פון מיידאַנעק, פון אָשוויענצים...

און ווען די קינדער האָבן געזונגען די פראַנצויזישע און יידישע רעוואָ־

לוציאַנערע לידער האָט עס געקלונגען ווי אַ תפילה איבער דער נעבעכדיקער וועלט.

און מיר, די פּאָר ווייטשעפּעלער ייִדן, געקומען זיי מקבל פּנים זײַן, זיי פריילעך מאַכן, מיר זענען געזעסן מיט טרערן אין די אויגן, אַז זיי די קינדער־לעך האָבן דערפילט, אַז זיי מוזן גאָר אונז פריילעך מאַכן — אַז מיר גאָר זיינען די יתומים! קינדער און יוגנדלעכע דערפילן אַלץ זייער שנעל....

עס איז רירנדיק ווי די חברים פון בונד ווילן אויפהאַלטן זייער אַלטע פּאָזיציע, די מערעס־שולן־טראַדיציע — דעם גאָלדענעם צייט־אַלטער פון בונד אין פּוילן. אפשים אַז אין פּאַריז געלונגען עס זיי דאָך מער ווי דאָ אין אונזער צוריקגעשטאַנענעם לאָנדאָן.

די דירעקציע פונם טעאַטער האָט זיי סערווירט מיט טיי און מיט אַלע גוטע און זיסע וואַכן, אַזוי אַז ס׳איז דאָך מקוים געוואָרן דער פּסוק: „ווען דער עולם איז קליין איז גרעסער די שמחה“.

א.נ.ש.

**אייזיק גאָלדבערג**, ערן־סעקרעטאַר,
פון „פריינט פון יידישן לשון“.

## אין די זיבעציקער...

(אַ פּאָר ווערטער וועגן א. נ. שטענצל און זיין העפטל)

זיבעציק איז אויך אַ סימבאָלישער אויסדרוק, אַ רעספּעקטפולער, ווי מען דייט עס אָן ביים דערגרייכן פון אַ הויכן עלטער. דאָס באַווייזט מיט זיך אַ פולקאָמעס, אַ גאַנצעס.

די יעניקע דאָ אין לאָנדאָן, וועלכע זיינען ליבהאָבער פונם געשריבענעם יידישן וואָרט, וועלן צוגעבן, אַז דאָס רעגולמעסיקע דערשיינען פון שטענצלס חודש־העפטל, אין אַ צייט פון זיבעציק שווערע וודשים פון מלחמה־פייער, בליצן איבער די קעפּ, געטאָ־מויערן און יידישער צער און טרויער, אַלס אַ באַזונדער סימבאָלישער צייכן פון אַ געוואַלטיקן כוח!

— ווי אַזוי נעמט זיך אַזאַ כוח צו שטענצלען?

דערויף קאָן איך אַ טאָפּעלטן ענטפער געבן.

ערשטנס, איז דאָס ארויסגעבן פון העפטלעך ביי שטענצלען אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. נאָך אַ ערך פון צען יאָר איידער שטענצל איז געקומען נאָך לאָנדאָן, האָט ער שוין אין בערלין ארויסגעגעבן „העפטלעך“, „בערלינער בלעטער“, „פּאַריזער בלעטער“), וועלכע זיינען געוואָרן שפּעטער פאַרבונדן מיט פּאַריז. אויף וויפל איך קאָן דאָס באַשטעטיקן, קאָן איך נאָך צוגעבן, אַז שוין דאַמלט האָט זיך שטענצל מיט די העפטלעך אין בערלין פּאָפּולער גע־מאַכט. אויך איז ער באַקאַנט געוועזן דורך זיין ארויסטרעטן אין פאַרטראַגן פון זיינע שאַפונגען.



דאַמאָלס אָבער, האָט איך שטענצלען געקאַנט אַלס אַ באַשיידענעם, רואיק־סענטימענטאַלן פּאָעט. זיינע פאָרטראָגן אין געווען מיט אַזאַ זית־דיק צאַרטן לירזים. דאַקעגן זעען מיר אים איצט, אַלס אַ שטורעמדיק, ברויזנ־דען קוואַל אין זיין פילזייטיקן שאַפן, פונקט אַזוי אויך אין דעם לעבעדיקן וואָרט ביי זיין קולטור־טעטיקייט. פון די אין לאָנדאָן שוין פּאָפּולערע גע־וואָרענע „יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס“, וועלכע ווערן פון אים זיים יאָרן אָנגעפירט, וואָך איין וואָך אויס.

מיר האָבן דאָ פאַר זיך נישט נאָר אַ פּאָעט, נאָר אויך אַן אַקטיוון קולטור־טרעגער מיט שטאַרקע אַספּיראַציעס, מיט אַ גאָר באַזונדערן אויסנאַם, אַ טיכטיק אָריגינעלער העפטל־פאַרקויפער, פון זיין איינענע רעדאַקציע...

און דאָ קום איך צו פאַרענטפערן די צווייטע, און אַזוי צוזאָגן דאָפּלטע פראַגע, ווי איך האָב עס שוין אויבן אָנגעוויזן.

— ווי נעמט זיך צו שטענצלען אַזאַ געוואַלטיקער כוח? אַליין שאַפן, רעדאַקטירן, און דאַצו נאָך אַליין זיין דער אי נצל פאַרקויפער פון אַ פאָר הונדערט עקזעמפּלאַרן פון זיין חודש־העפטל.

עס מעגן דאַריבער פילע דענקען ווי זיי ווילן, למשל, אַז שטענצל דאַרף נישט אַליין פאַרקויפן די העפטלעך. דאָס דאַרף מען פאַר אים טון, אָדער אַז עס איז שוין צייט דאָס די לאָנדאָנער יידיש־ליינער, דאַרפן שוין אַליין האָבן די באַדערפניש אויפצוזוכן, פאַרלאַנגען די העפטלעך. און גראָד דאַרף עס נאָך געשען אין אַ גרעסערע נאָכפראַגע, ווי עס פּאַסט זיך פאַרן יידישן לאָנדאָן...

מיט די מיינונגען וועל איך מיך באַשטימט מ״לן און זיך איינפערשטענ־דיק דערקלערן. אָבער ביי קיין פאַל נישט מיט דער מיינונג וואָס פילע אויסערן זיך, אַז דאָס אַליין פאַרקויפן די העפטלעך איז אַ אומכבוד פאַר שטענצל דעם דיכטער. ניין! מוז איך שטאַרק באַטאָנען. אויב אַ אומכבוד דאָן איז עס פאַר די יידיש־ליינער דאָ אין לאָנדאָן... דאָס באַווייזט, ווי דאָס יידישע וואָרט דערוויי־טערט זיך וואָס אַמאָל מער פון דער ברייטער מאַסע, באַזונדערס פון דער יוגנט. די פאָלגן דערפון זיינען, איבערליבע צוריסנקייט, צופּיצלטקייט, זיי עס און נעזעלשאַפטליכן, זיי עס אין אינדיווידועלן לעבן. באַנוצנדיק זיך פאַרן פאָלקס נעברויך מיט אַנדערע שפּראַכן, ענטשטייט אַ לערקייט, וואָס לאָזט זיך ביי קיין אופן נישט מיט פרעמדעס אויספילן. דאַמאָלס זעען מיר נישט נאָר אויס נעבעכדיק נאָר עס איז „אָך“ און „ווי“...

שטענצל אָבער איז נאָך פון די נעציילטע, וועלכע שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין מינוט, נאָר וועקן, רייסן, און גלויבן נאָך צו קענען ראַטעווען די יידישע נשמה. וועלכע איז פאַרזונקען אין אַ תהום פון נעמויזעכטס...

ווען מיר גייען צו אָביעקטיוו צו דעם עפּאָבע־אָפּשניט פון דער ענטשטיי־אונג און שווערע געבורט פון אונזער יידיש קלאַסישער ליטעראַטור, אַנט־פלעקט זיך פאַר אונז באַלד דאָס בילד פון אונזער זיידע מענדעלע מוכר־ספרים, מיט זיין אָרים ספרים־ביידל, און מיט זיין ביטנע הויקערדיקע „קליאַטשע“!

דערפאַר גלויב איך, אַז ביי שטענצלען איז דאָ עפּעס אַ שטיק „גלגול" פונם זיידן, און ער ציט נאָך די יניקה פון זיידן. און דאָס גיט אים דעם שטאַרקן כּוח צו שפּרייזן אַלס מוכר ספרים'ניק מיט זיין פּעקל העפטלעך, ביי די יידישע אינסטיטוציעס, פאַרזאַמלונגען, מיטינגען א.א.וו. ווייל דאָרט דערפילט ער נאָך שטיקער פייער פון דער ייד־שער נשמה. דאָרט געפינט ער נאָך שטיקער קיבוצים פונם אַמאָליקן גלופּסק, קאַבצאַנסק, טוניעדרייעווקע א. אנד. מקומות, ווי דער זיידע האָט זיך אויסגעלעבט און זיינע יידעלעך אויפגעלעבט...

דערפאַר דערלויב איך מיר צו זאָגן צו די וואָס טורקלען — שטענצל נעבעך, שלעפּט זיך אַרום מיט זיינע העפטלעך — ניין! שטענצל שלעפּט זיך נישט אַרום, נאָר ער גייט. ער ציט ווייטער אונזער טראַדיציע. און איך וויל נאָך צוגעבן מיטן פּרצישן אויסדרוק, ער גייט נאָך העכער!...

און ער איז אויך שוין צו אַ געוויסן פּונקט דערגאַנגען. מיר דאַרפן דאָס וויסן ווי אַזוי אָבצושאַצן און צו פאַרזערטן. מ'קאָן איצט שוין מיט רעכט זאָגן, דאָס די שטענצל־העפטלעך האָבן זיך גאַנץ גישקשהדיק אַנטוויקלט מיט אַביסל מער דרוק־בויגנס, מער לעזע־שטאָף. אַז מיר געפינען טאַקע אין יעדן העפטל אַ רייכהאַלטיק ליטעראַרישן אינהאַלט פון שוין אַ ברייטערן פאַר־נעם, פּאָעזיע און פּראָזע, אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען פון באַדייטענדע שרייבער איבער יידישע און וועלטלעכע פּראָבלעמען. דאָצו האָט עס נאָך די מעלה, וואָס פאָלקס מענטשן וועלכע האָבן אַ דראַנג פאַר'ן יידישן וואָרט, קאָנען פון צייט צו צייט געפינען דאָרט אַ פּלאַץ אויסצודריקן זייערע מיינונגען און גע־דאַנקען, אַלס אַ פרייע טריבונע. אויסער דעם קאָן מען מיט רעכט דאָס העפטל באַצייכענען לויט זיין ביז איצטיקן כאַראַקטער, אַלס אומפּאַרטייאיש, אָדער בעסער געזאָגט, איבערפּאַרטייאיש, ווייל מיר געפינען דאָרט אַרטיקלען פון פאַרשידענע שרייבער פון רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע, ציוניסטישע, בונדיס־טישע קאָמוניסטישע א. א. וו. נאַטירלעך אויך וויפל עס האָט אַ שייכות צום גייסטיקן שאַפן און צו דער יידישער קולטור. דאָס איז אפשר אַ מעלה, אַז דאָס העפטל האָט זיך דאַמיט זיין באַזונדערע אייגנאַרטיקייט...

אויך געפינען מיר שוין פאַרשידענע רובריקן פונם יידישן קולטורעלן לעבן אויף דער פּראָווינץ, אַזוי אַז דאָס העפטל האָט שוין אַ פּנים, נישט בלויז פון ווייטשעפּל־לאָנדאָן, נאָר עס איז סטיכיש פון זיך אַליין אַרויסגע־וואַקסן אַלס אַ יידישער חודש־זשורנאַל פון מלכות־ענגלאַנד. דאָס וואָס עס איז צייטיק געוואָרן און עס זאָל במילא אויך פון איצט אָן ווערן. עס איז נאָך כּדאַי צו באַמערקן, דאָס אויסער ענגלאַנד, האָט עס שוין אויך אַ געוויסן אָפּקלאַנג אין אַמעריקע, פראַנקרייך א.א.וו. ווי עס ווערט דערמאָנט אין דער פּרעסע פון שרייבער, קריטיקער און אויך פון באַדייטענדע פּערזענלעכקייטן. באַזונדערס ווערט עס שוין געערן פאַרלאַנגט אין די נייע קיבוצים פון דעם חרוב געוואָרענעם יידישן אייראָפּע.



אויב מיר האַלטן שוין איצט ביי דעם פינף און זיבעציקסטן העפטל* ביי וועלכן עס האָט זיך געגרינדעט אַ פּראָפּאַגאַנדע קאָמיטעט, פון אַנהענגער פאַרן יידישן וואָרט, פאַר העלפן דעם איבערגאַנג פונם העפטל צום זשורנאַל, אַזוי איז עס פאַרן יידישן לאָנדאָן אַ גרויסע זכיה. ווייל נאָכדעם ווי דורך דעם נאַציזם, איז געוואָרן אויסגעראָטעט דאָס יידיש שפּרודלדיקע גייסטיקע לעבן פון מזרח אייראָפּע, איז דאָך נאָר על פּי נס איבערגעבליבן געוואָרן דער איינציקער אינזל דאָ מיט דעם יידישן קיבוץ פון גאַנץ אייראָפּע. נאַטירלעך איז דאָ געמיינט אויסער סאָוויעט יידישן קיבוץ, וועלכער איז אויך צו להכעיס אונזערע שונאים לעבן געבליבן מיט אַ ערשט רעכט פאַרצווייגטע יידישע ליטעראַטור און אַ רעאַל־געוויכטיקע קולטור טעטיקייט.

פונם אייראָפּעאישן קאָנטינענט איז דאָך נאָר איבערגעבליבן אַביסל שריים פון אונזערע גייסטיקע כּוחות. אויב שטענצל וועלכער געהערט אויך צו די שארית־הפּליטה, איז דאָ אָהערגעקומען און באַוויזן דעם שטאַרקן כּוח, ביז איצט נישט מיד צו ווערן, נאָר שטיין און אַקערן אויף דעם האַרטן באָדן און נעבעלדיקע אַטמאָספערע דאָ, אַזוי דאַרף מען וויסן עס ווי געהעריק אָפּ־צושאַצן!...

דעם חוב קאָן מען נאָר באַצאָלן דאַמיט, דאָס דער זשורנאַל וועלכער טראָגט איצט דעם נאָמען „לשון און לעבן". זאָל אויסוואַקסן צו אַ ליטעראַריש אָרגאַן פון אַ וועלט פאָרמאַט!

* דאָס אַרטיקל האָט פרייגט גאָלדבערג געשריבן צום „יובילעאום" פונם 70־טן „העפטל", נאָר אַזוי ווי ס'איז אין דעם אַרטיקל דאָ אַזויפיל פאַר מיין כבוד וועגן האָב איך דאָס אַרטיקל אַליין אָפּגעלייגט. נאָר אַזוי ווי מיר האַלטן שוין איצט ביים 70־טן העפטל און דער אַרטיקל חויזט אין די 70־קער קאָן איך אים שוין ווייטער נישט אָפּהאַלטן. לעולם האָב איך פרייגט אַזעלכע האַלב־פּראָפּאַגאַנדע אַרטיקלען בכלל צו דרוקן — נאָר מ'מוז דאָך זיין ערגעץ־וואו אָפּדרוקן! און די מעגלעכע ציטונגען ווייזט נישט אַרויס אין די לעצטע יאָרן קיין גרויסן אינטערעס צו אונזער זשורנאַל, צו אונזער יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס ווי בכלל צו אונזער גאַנצער פאַר־צווייגטער קולטור אַרבעט. טאָ מוז מען זיך באַזן ברירה באַנוצן מיטן אַלטן, הלל'שן עניוותדיקן כּלל: „אם אין אני לי מי לי ואם לא עכשיו אמתי"...

פריינט אייזיק גאָלדבערג, איך פיל אַרויס פון אייער אַרטיקל די ליבע אייערע צו אונזער אַרבעט — און דאָס איז דער עיקר! ווייל אונזער אַרבעט האָט זיך איצט שטאַרק פאַרצווייגט. נישט נאָר איז דאָס העפטל, דער איצטיקער זשורנאַל אונזערער, אַ סך גרעסער געוואָרן, נאָר צו די שבת־נאָכמיטאָגס זיינען נאָך צוגעקומען די ליטעראַרישע זונטיק־נאָכמיטאָגס און נאָך פאַרשידענע אַנדערע פאַראַנשטאַלטונגען דאָ און אין דער פּראָווינץ — און קיין נייע כּוחות, מענטשן וואָס זאָלן ערלעך צו לייגן אַ האַנט וווייזן זיך לעת עתה זייער ווייניק.

ש.

## פון יידישן פאָלקס-מויל

### וויצן, גלייכווערטלעך און מעשהלעך

געהערט, נעקליבן און באַאַרבעט דורך שלמה גאָלדענבערג

## 30. שפּריכווערטער

1 פון קיין נחת לעבט מען נישט און פון צרות שטאַרבט מען נישט.
2 שפּילט דער כלה ווינעגרעטקס — זי האָט אירס אין זינען...
3 איינער האָט הנאה פון אַ פיינער קדושה און אַ צווייטער, להבדיל, פון אַ גוטער שטיקל געזונטס...
4 גוט איז דעם מלך, וואָס באַגליקט אויף דער עלטער.
5 וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג איז ביי אַ שיכורן אויפן צונג.
6 שטילע וואַסער רייסט די גרעבליע 1).
7 „תאוחז ביד" — איז די בעסטע תפילה 2).
8 לעם אַ שווערן וואָגן איז גוט זיך נאָכצוהענגען...
9 ווען פרעגט זיך אַן אָרימאַן? — אַז ער פאַרלירט און געפינט.
10 אַן אָפענע טיר איז אַ פענסטער אין הימל 3).

1) דאָס בריקן איבערן טייך.
2) אַן אָוראַניע אויף די, וואָס פאַרכאַפּן געלט...
3) אַ רמז אויף אַ קלייט, וואָס ברענגט פרנסה...

## 31 ראָטשילדס מזל

אין אַ קליין שטעטל אין פוילן איז געווען אַ ייד אַ מלמד. כאָטש ער האָט געלערנט מיט די בעסטע קינדער פון שטעטל האָט ער געלעבט אין דחקות, אָבער נישט קוקנדיג דערויף האָט ער געלייגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה און האָט יעדעס יאָר גענומען אַ קוויטל ביים אַגענט פון די ברוינשווייגער קוויטלען. ער האָט נישט געהאַט קיין מזל, אַלע מאָל פאַרשפּילט. אָבער ער איז אָנגעגאַנגען ווייטער. ביז עס איז ביי אים געוואָרן עפּעס אַ מין קרענק, רחמנא לצלן. די רביצין האָט געלאַרעמט און געפּילדערט קענן איר שלים־מזל און ביטערן דלות, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דער מלמד האָט אַלץ געהאָפט אויף אַ נס, וואָס זאָל אים אַרויסנעמען פון דער פינסטערער פרנסה.

איינמאָל פאַלט אים אַריין אַן המצאה — דאָך אַ גמרא קאָפּ — ער זאָל זיך ווענדן צו דעם אַלטן ראָטשילד און אים בעטן, אַז ער זאָל נעמען פאַר אים אַ קוויטל אויף זיין נאָמען, אפשר וועט זיין מזל גורם זיין, אַז ער זאָל זוכה בגורל זיין. געזאָגט און געטאָן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוו מיט אַ בעשטעטיקונג פון דעם ערהאַלטענעם באַטראַג און אויך אַ קבלה אויף אַ קוויטל אויף מאיר אַנשילס נאָמען... עס זיינען אַוועק אַ פּאָר מאָנאַטן און פּלוצלונג קומט אָן דעם מלמד אַ נייער בריוו מיט דער גרויסער בשורה, אַז ער איז זוכה בגורל געווען



און טאַקע דעם ערשטן געווינס, 100,000 גילדן. מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר איבערקערעניש סאיז פאָרגעקומען אין שטעטל מיט אַזאַ זאַנדער מעשה. אַלע זיינען געלאָפן אָפּגעבן „מזל טוב" דעם נייעם גביר, און דער ראש הקהל איז געקומען צום מלמד און האָט אים פאָרגעלייגט, אַז מען וועט אים לייען פון דער טאַקסע אויף הוצאות הדרך נאָך פראַנקפורט. ער זאָל פאָרן ברייננגען די אַפּתיקא אַהיים... די רביצין האָט פאַרגעסן אירע אַלטע טענות און האָט געפאָדערט, אַז זי מוז אויך פאָרן, ווייל דער מאַן אירער פאַרשטייט נישט קיין צורת המטבעה און אַזוי ווייטער. מען האָט איר געמוזט נאָכגעבן. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעטון אין בגדי שבת, זיינען אָפּגעפאָרן נאָך פראַנקפורט און דאָס גאַנצע שטעטל, קינד און קייט האָבן זיי באַגלייט ביז דער באַן־סטאַנציע...

אָנקומענדיק קיין פראַנקפורט זיינען זיי פאַרפאָרן אויף אַ יידישער אכסניא האָבן זיך אויסגערוט פון וועג, כדרך הנדודים, און אויף צומאָרגנס איז דער מלמד אַוועק אין דער גרויסער באַנק־הויז פון די ראָטשילדס. ער האָט געוויזן די קבלה מיטן בריוו צו איינעם פון די אָנגעשטעלטע און אין אַ שעה אַרום האָט מען אים אַריינגעפירט אין חדר המיוחד פון ר' מאיר אַנשיל. דער אַלטער ראָטשילד האָט אים אויך אָפּגעגעבן מזל טוב און כאַפּנדיק מיט אים אַ קורצן שמועס האָט ער אַ פרעג געטון דעם מלמד: „וואָס גייט איר טאָן מיט אַזאַ שלל מיט געלט, איר זענט דאָך נישט קיין סוחר?"... דער מלמד האָט פאַרשטאַנען דעם רמז און האָט געענטפערט: „אָט ווייס איך טאַקע נישט, און דערפאַר בין איך געקומען אייך שואל בעצה זיין!"...

דער אַלטער ראָטשילד האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט: „דער בעסטער פּלאַן וואָלט געווען איר זאָלט דאָס געלט לאָזן ביי אונז אין באַנק. איר זאָלט זיך פאַרסטראַכירן פאַר אַ גרויסער סומע און איר זאָלט ביז איר לעבט נאָר נעמען די ציגזן פאַר פרנסה".

דער מלמד האָט זיך אַביסל צומישט פון אַזאַ פּלאַן, אָבער ער האָט זיך דאָ זיך אויך געפונען און האָט געזאָגט: „איר ווייסט מאיר אַנשיל אַז איך טו נאָרנישט אָן דעם ווייסן פון מיין זוגתי תחיה, גיט מיר אַ פּאָר טעג וועל איך זיך באַטראַכטן און וועל אייך קומען געבן תשובה". ער האָט נישט געוואָלט מבייש פנים זיין דעם אַלטן ראָטשילד און ער איז אַוועק אַהיים צופרידן מיט דעם גוטן תירוץ...

אויפן דריטן טאָג איז דער מלמד געקומען נאָך אַמאָל אין קאַנטאָר און ווען דער אַלטער ראָטשילד האָט אים באַגעגנט מיט אַ שמייכל און האָט אים געפרעגט: „נו, האָט איר עפּעס צוגעטראַכט?" האָט דער מלמד אים געענטפערט בזה הלשון: „ר' מאיר אַנשיל, איר וועט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן, ווען איך וועל אייך זאָגן אַז איך מיט מיין בוגתי תחיה האָבן בעשלאָסן נישט אָננעמען אייער פּלאַן דער טעם איז זייער פּשוט, איך זע דאָך, אַז איר זענט אין אַלץ אַ גרויסער בר מזל, אַ סימן, אַז וויפיל איך האָב גע־

צוינג קוויטלעך האָב איך אַלץ פערלאָרן.. איז אויב אַזוי וועט מן הסתם זיך טרעפן מיט מיר עפּעס אַן אומגליק, איך וועל אַוועק פון דער וועלט און דאָס געלט וועט בלייבן ביי אייך!"...

דער אַלטער ראַמשילד האָט זיך שטאַרק צולאַכט פון אַזאַ איינפאַל פון אַ גמרא מלמד האָט געהייסן מען זאָל אים אַרויסגעבן דאָס געלט אין רוסישע ווערט־פּאַפּירן אום ער זאָל קענען אַריבערפירן דעם גרעניץ און האָט זיך מיט אים געזעגנט אויף אַ זייער פריינדליכן אופן. געבענדיק אים זיין ברכה אויף דעם וועג אהיים.. (פון מיין מאַמען).

## לשון און ליטעראַטור פון די מזרח־אשכנזים

ראשי־פּרקים פון ד"ר בירנבוים'ס לעקציעס אין לאָנדאָנער אוניווערזיטעט

דער חילוק פון רעד־לשון ביז שרייב־לשון ביי קולטור־פעלקער. די לשונות פון די מזרח־אשכנזים: העברעאיש, יידיש, אַראַמיש.

לשון־קודש. השפּעה פון לשון־קודש און יידיש, איינס אפן אנדערן. איז למשל דאָס וואָרט „מעריב" ניבוירן געוואָרן אין לשון־קודש אָדער אין יידיש?

טראַדיציאָנעל יידיש. די סיבה פון יידיש: נאַציאָנאַלער גייסט? ראַסע? קאָנסערוואַטיזם? ניטריישאַפט צו דייטש? געאָגראַפישן אָפּגעשייטקייט פון דייטש? געטאָ?

לשון אַ פּועל־יוצא פון ציבור־לעבן. דער יסוד פון יידישן ציבור: יהדות. דעריבער סיבה פון יידיש: יהדות. דערפאַר אויך אנדערע יידישע לשונות. — השפּעה פון רעליגיע ביי נישט־יידישע לשונות.

ווי אַלט איז יידיש? פּראַקטישער, פּסיכאָלאָגישער, פילאָלאָגישער, סאָציאָלאָגישער סימן. עלף הונדערט יאָר אַלט.

אויסוואָקס. דער סעמיטישער ראָמאַנישער, גערמאַנישער און סלאַווישער עלימענט.

סינטעזיס. טמילאַריקער אויסוואָקס. דיאַלעקטן. פאַרגלייך מיט אנדערע יידישע לשונות.

עברית. השפּעה פון אייראָפּעאישע לשונות. אַריינגירעכנט יידיש.

וועלטלעך יידיש. השפּעה פון דייטש. כלל־יידיש. זיין גראַמאַטישער יסוד: דער „פּוילישער" דיאַלעקט. כלל־חברה.

צוויי ליטעראַטורן: אַ טראַדיציאָנעלע און אַ וועלטלעכע.

טראַדיציאָנעלע ליטעראַטור און לשון־קודש.

טראַדיציאָנעלע ליטעראַטור אין טראַדיציאָנעל יידיש.

וועלטלעכע ליטעראַטור אין עברית.

וועלטלעכע ליטעראַטור אין מאָדערן יידיש.

פאָלקס־לידער.



## יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט—ייווא

דער יידישער וויסנשאַפטלעכער־אינסטיטוט (באַוואוסט אויך אונטער זיינע ראשי־תבות ייווא) איז געגרינדעט געוואָרן 1925 אין ווילנע מיטן ציל צי פאָרשן מיט די מעטאָדן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט דאָס היינטיקע און אַמאָליקע יידישע לעבן איבער דער גאַנצער וועלט. דעם זעלביקן יאָר איז געגרינדעט געוואָרן דער אַמעריקאַנער אָפּטייל פון ייווא (אַמאָפּטייל וואָס האָט געהאָלפן דעם ייווא מאַטעריאַל און אויך אַליין געטאָן אין אַ געוויסער מאָס אַ פאָרשערישע און פאַרלעגערישע אַרבעט.

ווען ס'איז איבער דער איצטיקער מלחמה געוואָרן אוממעגלעך צו פירן ווייטער די אַרבעט אין אייראָפּע, איז דער צענטער פון ייווא איבערגעטראָגן געוואָרן קיין ניו־יאָרק. עס איז אַרויסגענומען געוואָרן אַ נייער צונעפּאַסטער טשאַרטער פונעם שטאַט ניו־יאָרק, און דער אינסטיטוט פירט זיין טעטיקייט אָן איבעררייס. זינט אָנהייב 1943 געפינט זיך דער ייווא אין אַ גרויסן אייגענעם בנין אויף 531—535 וועסט 123־סטע גאַס, ניו־יאָרק.

דער ייווא האָט פיר וויסנשאַפטלעכע סעקציעס: די היסטאָרישע, עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע, פילאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע. איטלעכע סעקציע גיט אַרויס פון צייט צו צייט בענד שריפטן און מאָנאָגראַפיעס. חוץ דעם האָט דער ייווא דריי זשורנאַלן: ייווא־בלעטער, אָרגאַן פון אַלע סעקציעס; „יידישע שפּראַך", אַרויסגעגעבן פון דער פילאָלאָגישער סעקציע פאַר די פּראָבלעמען פון דער יידישער כלל־שפּראַך; „ידיעות פון ייווא", אין יידיש און ענגליש. עס ווערט צוגעגרייט אַ פערטער זשורנאַל. „יידישע וויסנשאַפט", אַ בולעטין צו אינפאָרמירן וועגן אַלע פעלדער פון יידישער פאָרשונג. ביז היינט האָט דער ייווא אין זיינע פאַרשיידענע אויסגאַבעס פּובליקירט העכער 38,000 זייטן פאָרשונגען.

די צענטראַלע ביבליאָטעק און אַרכיוו פון ייווא אין ניו־יאָרק פאַרמאָגט איצט איבער 40,000 קאַטאַלאָגירטע איינסן, אַחוץ זשורנאַלן, צייטונגען און פלוגבלעטלעך.

אויף צוצוגרייטן אַ וויסנשאַפטלעכן נאָכוואוקס האָט דער ייווא געשאַפן די אַספּיראַנטור אויפן נאָמען פון ד"ר צמח שאַבאַד און די פּראָאַספּיראַנטור אויפן נאָמען פון ברוך כהן־ווירנילי.

אויב איר ווילט מער אינפאָרמאַציע, שרייבט צו:

**Yidish Ssientific Institute—Yivo**

**535 West 123rd Street, New York 27, N.Y.**

# פאַרבאַנד פון ווילנער יידן אין פוילן

ה׳ פריינד!

מיר שיקן אייך אונזער אויפרוף: צו ווילנער יידן בכל תפוצות ישראל, צו אלע לאַנדמאַנשאַפטן פון ווילנע און אומגעגנט", דעם סטאַטוט, דעקלעראַציע און אַנקעטע נ׳ 1 (אין 2 עקז.) פון פאַרבאַנד פון ווילנער יידן אין פוילן, כדי אייך צו באַקענען מיט די צילן און אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר אונזער ווילנער לאַנדמאַנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע אין פוילן און רערוואַרטן אייער אינטערעס, אַנטייל און הילף אין זייער רעאַליזאַציע.

די ערשטע רשימה פון די לעבן פאַרבליבענע יידן פון ווילנע און אומגעגנט, דרוקן מיר בקרוב אָפּ. אין ערשטן נומער פון אונזערע "ווילנער בלעטער" און וועלן זיי אייך תיכף צושיקן.

מיר בעטן אייך ד.גל. איבערגעבן איין עקזעמפּלאַר פון די אלע מאַטעריאַלן, די לאַנדמאַנסשאַפט פון ווילנע און אומגעגנט, וועלכע געפינט זיך אין אייער שטאָט. און אויב אַזוינע זענען נישטאָ — דורך דער אָרטיקער יידישער פּרעסע, געניי ווי מעגלעך, אינפאָרמירן די ווילנער יידן וועגן די צילן, אויפגאַבן און נויטן פון דעם נעשאַפענעם פאַרבאַנד פון ווילנער יידן וועגן די צילן, אויפגאַבן און נויטן פון דעם געשאַפענעם פאַרבאַנד פון ווילנער יידן אין פוילן און אונזער בקשה זיך שטעלן מיט אונז אין פאַרבינדונג.

מיר וואַרטן אויף אייער שנעלן ענטפער: וואָס ווערט ביי אייך געטאָן און וואָס ווערט פאַרגענומען פאַר אונזער געמיינזאַמער צוזאַמענאַרבעט אין הילף פאַר די יידן פון ווילנע און אומגעגנט אין פוילן.

**ל. ראַן**, סעקרעטאַר.

שרייבט אויף אונזער צייטווייליקן אַדרעס:
CZKH (dla Wilnian), Lodz, Narutowicza 25. Poland.

# ידיעות מארבע כנפות הארץ

ווארשע. — די טעג זענען צוריק געקומען קיין פוילן א ריי יידישע דיכטער און שריפטשטעלער, וואָס האָבן די לעצטע זעקס יאָר פאַרבראַכט אין סאָוועט רוסלאַנד.

חיים גראַדע, מחבר פון בוך "מוסר'ניקעס" און אַנדערע פּאָעמען. יצחק יאַנאַסאָוויטש פון לאָדזש. א. סוצקעווער. יצחק מאַנדעלבראָט. געוועזענער מיטרעדאַקטאָר פון דער ייט"א אין ווארשע. לייב רייזין, פּובליציסט, זון פון זלמן רייזין. בנימין עלים, א יונגער דיכטער. דוד זארעצקי, אָרטאָדאָקסישער דיכטער און נאָוועליסט, מיטאַרבעטער פון "יידישן טאָגבלאַט" אין ווארשע. נתן ראַפּאַפּאָרט, מאָלער, וועמענס ווערק זענען געווען אויסגעשטעלט אין מאָסקווע. ד"ר יעקב צינגמאַן, דער באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער און מחבר פון דעם באַרימטן ווערק: "די געשיכטע פון ציוניזם".

* *

* *

ווארשע. — דער יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין אין פוילן פירט לעצטנס אַן אַקטיווע קולטור־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס.

במשך פון א קורצער צייט זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן ליטעראַרישע אָוונטן אויף וועלכע מען האָט מקבל פנים געווען די רעפּאַטריאַנטן־דיכטער.

* *

איינדרוקספול זיינען געווען די געדענק־אָוונטן נאָך די קלאַסיקער שלום־עליכם און י. ל. פּרץ, וועלכע האָבן צוגעצויגן מאַסן צוהערער.

אויף די אָוונטן זיינען ארויסגעטראָטן לעאַ פינקלשטיין, בער מארק, רחל קאָרן, אברהם זאַק, רחל אויערבאַך, משה גראָסמאַן, ש. בערלינסקי, יוסף רובינשטיין נ. באָמזע ח. ל. פוקס, י. קייטעלמאַן און א. צינציאַנאַטוס. עס האָבן זיך אויך באַטייליגט די אַרטיסטן ש. גאָלדשטיין, י. קירלענדער און פּ. סיוואַק.

* *

עס איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן א פייערלעכער קבלת־פנים אין טעאַטער "פּאָווישעכני" אין לאָדזש פאַר די רעפּאַטריאַנטן אָרטיסטן. עס זיינען אויפגעטראָטן עטלעכע און צוואַנציק אַקטיאָרן.

* *

ווי דורך א וואונדער איז דער פּרץ אוהל אויפן וואַרשעווער יידישן בית־עולם, וואו ס'רוען אויך די ביינער פון אַנסקי און דינעזאָן, פאַרבליבן ניט צעשטערט.

אין די פריטעג אין מאַי חודש האָט אַגרויסער יידישער עולם באַזוכט דעם אוהל, וואו ס'איז געלייגט געוואָרן א גרויסער קראַנץ.

* *

היינט צו טאָג געפינען זיך אין פוילן אַן ערך 50 יידישע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן. נאָר איניגן דאַרפן אָנקומען נאָך עטלעכע צענדליק אַקטיאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד, צווישן זיי אידאַ קאַמינסקאַ, יצחק גרודבערג־טורקאָוו, עני ליטאַן א. א.

* *

ווארשע. — אין דער צענטראַלער אָפּטיילונג פאַר קינדער שוץ און שול ענינים ביים צענטראַלן יידישן קאָמיטעט איז פאָרגעקומען א באַראַטונג וועגן די פּראָגראַמען, פון די נייאַנטשטייענדיקע יידישע שולן אין פוילן.

די באַראַטונג איז געקומען צו א הסכם וועגן שאַפן אַן איינהייטליכן טיפּ שול פאַר יידישע קינדער. די לימוד־שפּראַך דאַרף זיין יידיש. אין צווייטן קלאַס דאַרף מען נעמען לערנען פּויליש און אין דער צווייטער העלפט פון צווייטן קלאַס הייבט מען אָן לערנען העברעאיש.

* *

לאָדזש. — אין לאָקאַל פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין איז פאָרגעקומען א פייערליכע קבלת־פנים לכבוד די שרייבער: לעאַ פינקלשטיין, בער מארק, משה גראָסמאַן, א. צינציאַנאַטוס, ש. בערלינסקי, נ. באָמזע, י. לייטלמאַן, מ. מאַן, ש. קאַטשערגינסקי, מ. נודעלמאַן און אַרטיסט י. קרעלמאַן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט לעצטנס פון ראַטנפאַרבאַנד. אין נאָמען פון ליטעראַטן־פאַראיין האָט באַגריסט רעד. מ. מירסקי: אין נאָמען פון רעדאַקציע "דאָס נייע לעבן" — נ. נאַדלמאַן; פון צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע—ד"ר פ. פרידמאַן, פון דער יידישער פּרעסעאַגענטור — א. שלאַיען.

אין דער דיסקוסיע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר ערנסטקייט און

הויכן ניווא, אנטשפּרעכנד דעם ערנסטן היסטאָרישן מאָמענט אינם יידישן לעבן — האָבן אנטייל גענומען, לויט דער ריי: לעאָ פינקלשטיין, ב. מארק, מ. גראָסמאַן, ש. בערלינסקי, נ. בליץ, ר. אויערבאַך, י. קייטלמאַן, נ. באָמזע, י. עלבערג, מ. טאָוכנער, ארטיסט קרעלמאַן, ד״ר אדאָלף בערמאַן און רעד. פּירסקי.

* *

לאָדזש. — אויף דער אלגעמיינער פערזאַמלונג פון די יידישע ליטעראַטן, זשורנאַליסטן און ארטיסטן אין פּוילן איז געוואָרן אויסגעקליבן א נייע פערוואַלטונגס־מיטגלידער: רעד. מ. מירסקי, א. צינצינאַטוס, י. עלבערג, מ. טאָוכנער, רעווידיר־קאָמיסיע: רעד. א. שליען, א. וואָל, ש. שפּיגל.

חברים־געריכט: ד״ר אדאָלף בערמאַן, ש. בערלינסקי און ד״ר פ. פרידמאַן. פּראָפּראַט: מ. נודלמאַן, י. ש. גאָלדשטיין, י. קייטלמאַן.

* *

לאָדזש. — אויף דער איינלאָדונג פון די רעליגיעזע קבוצים האָט דער דיכטער דוד זאַרעצקי געגעבן אין „אהל שחה״־קיבוץ א ליטעראַרישן אָוונט.

א פאָרוואָרט האָט געהאַלטן י. גראַנאַטשטיין. דאַן האָט זאַריצקי געלייענט זיינע שאַפונגען. דער אָוונט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט א רעפעראַט פון אלחנן ליף וועגן דער וויכטיקייט פון דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור.

* *

טשערנאָוויץ. — דאָ איז פאַרגעקומען א גרויסער ליטעראַרישער אָוונט פון דיכטער פּרץ מאַרקיש.

* *

פּאַריז.—דער פאַרבאַנד פון יידישע זעצער און דרוקער אין פּאַריז, גרייט צו אַן אלמאַנאַך, געווידמעט די אין דער מלחמה אומגעקומענע יידישע בוכבדרוקער אין פראַנקרייך.

* *

מאָסקווע. — אין קיעוו אויף קראַסנאָ־אַרמייסקע גאַס האָט זיך פאַרהיט דאָס הויז, וואו שלום עליכם האָט געלעבט. די נאָענטסטע צייט וועט צו דעם דאָזיקן הויז צוגעפּעסטיקט ווערן א נייע אָנדענק טאָוול אָנשטאָט דעם פריערדיקן טאָוול, וועלכן די דייטשן האָבן אַראָפּגעריסן.

עס איז דערשינען א ביאָגראַפיש־קריטישע פאַרצייכענונג „שלום עליכם" פון א. גורשטיין. דאָס ביכל איז אַרויסגעגעבן אויף יידיש אין 25 טויזנט עקזעמפּליאַרן און אויף רוסיש אין 100,100.

עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין דרוק שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער" און „פון יאַריד", ביידע ביכער צו 20 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

צוויי בענדער פון שלום עליכמס אויסגעוויילטע ווערק אין רוסישער איבערזעצונג וועלן דערשיינען אין 50 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער מאָלדאַווישער ראַטנרעפּובליק קומען פאָר שלום עליכם־אָוונטן. א גרויסער שלום עליכם־אָוונט איז פאָרגעקומען אין באָברויסק (ביעלאָרוסיע).

אין מאָסקווע האָט זיך דער שלום־עליכם חודש אָנגעהויבן דעם 12־טן מאַי. דער ערשטער אָוונט איז פאָרגעקומען אין הויז פון די געלערנטע מיטן אָנטייל פון ש. מיכאָעלס, און קאַמינקאַ. דער צווייטער איז פאָרגעקומען דעם 16־טן מאַי אין קאָלאָנען־זאַל פון פאַראיינען־הויז (דער שענסטער זאַל אין מאָסקווע) אונטער פאָרזיץ פון באַוואוסטן רוסישן שרייבער א. פאַדעיעוו. ווייטערע אָוונטן זענען פאָרגעקומען אין פאַרשידענע זאַלן פון דער שטאָט.



* *

ניו־יאָרק. — „איקוף צענטער האָט איינגעאָרדנט א גרויסן שלום עליכם אָוונט. דעם רעפעראַט איבער דעם גרויסן שרייבער האָט געהאַלטן נחמן מייזיל.

* *

בוענאָס איירעס.—צום ערשטן מאָל נאָך אַן איבעררייס פון עטליכע יאָר איז דעם איקוף געלונגען צו אָרגאַניזירן אַן עפנטליכע גרויסע שלום עליכם פייערונג. א גרויס געשעעניש ביי די באַדינגונגען, וואָס הערשן אין יענעם לאַנד.

* *

שלום עליכם פייערונגען זענען אויך פאָרגעקומען אין פאַרשידענע אַנדערע שטעט פון צפון און דרום־אַמעריקע.

* *

אַרגענטינע. — דער היגער צענטראַלער פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, וואָס האָט לעצטנס געפייערט דעם 30־יאָריקן יובל פון זיין עקזיסטענץ, האָט אונטערגענומען א וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע איפּגאַבע אַרויסצוגעבן א ביכער־סעריע אונטערן נאָמען „דאָס פּוילישע יידנטום". אין דער דאָזיקער סעריע וועלן אַריינגיין ווערק, וואָס האָבן א דאָקומענטאַלן כאַראַקטער וועגן דער טראַגישער עפּאָכע אין לעבן פון פּוילישן יידנטום, זכרונות פון געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, שילדערונגען פון שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, זכרונות וועגן באַרימטע פּויליש־יידישע פּערזענליכקייטן און אויך כאַראַקטעריסטישע, בעלעטריסטישע ווערק פון שרייבער־קדושים אָדער פאַרגעסענע פּויליש־יידישע שרייבער.

## קולטור ידיעות פון דא

יעקב שמואל טיבש׳ס בוך „געזאַמעלטע לידער" איז שוין אַרויס פון דרוק.

* *

עס איז דערשינען פון דרוק „די אייביקע טענה" (א האַרץ געשריי פון אַמאָל — טריאומפן פון היינט), א ליד פון מאַקס עלענצווייג, מוזיק פון ביאַלסקי.

* *

דער פאַרגרעסערטער יולי־נומער „טעאַטער־שפּיגל", מאַכט א זאָרגפעליקן און גוטן איינדרוק.

* *

אסתר קרייטמאַן׳ס ראָמאַן „שדים־טאַנץ" איז דערשינען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג אין פאַילם פערלאַג.

* *

די אויפפירונג פון „די גרינע פעלדער" פון פּרץ הירשביין אין גראַנד פּאַליי־טעאַטער, אונטער דער רעזשי פון מאַרק מאַרקאָוו איז געווען א גרויסער דערפאָלג.

* *

די סעריע אָוונטן לכבוד אברהם רייזענס 70־טן געבוירן טאָג איינגעאָרדנט פון „פריינט פון יידיש לשון",

זייגען געווען אַ גרויסער דערפֿאָלג.

* *

די גרופּע „פֿריילאַנד" האָט געמאַכט אַן אָפּשייד־נאַכט פֿאַר דר. י. נ. שטיינבערג און זיין פֿרוי פֿאַר זייער צוריקרייזע אין אַמעריקע.

* *

דער אַקטיאָר אהרן פּאָליאַקאָוו מיט זיין פֿרוי און טאָכטער, וועלכע האָבן איינציקע חדשים דאָ אויפֿגעטראָטן אין גרענד פּאַליי טעאַטער מיט גרויס דערפֿאָלג פֿאָרן אָפּ די טעג פֿון לאָנדאָן.

* *

די אַמעריקאַנער באַוואוסטע שוישפּילערין דינה היילפּערין קומט נאָך לאָנדאָן און וועט אויפֿטרעטן אין גרענד פּאַליי טעאַטער.

* *

א. רייסקי, זיינענדיק דאָ אויף אַ קורצן באַזוך פֿון פּאַריז האָט געהאַלטן אַ פֿאָרטראָג אין יידישן קולטור־קלוב: „דער מצב פֿון יידן אין אייראָפּע".

* *

ראָבערט וועלטש, רעדאַקטאָר פֿון דער יידישער רונדשוי איז דאָ אויף אַ באַזוך פֿון ארץ ישראל.

* *

דר. יאָאַכים פּרינץ איז דאָ אויף אַ קורצן באַזוך פֿון אַמעריקע.

* *

אין הויז פֿון פֿרוי מייזל, האָט משה סובר פֿאַרנעלייענט פֿון זיין בוך „אין חדר אריין" אינם שמועס אַרום דעם בוך האָבן זיך באַטייליקט דר. י. נ. שטיינבערג און דער מאָלער דובראָוו־סקי.

* *

אין הויז פֿון מ. קאַץ איז איינגעאָר־דענט געוואָרן אַן אברהם רייזען פֿייע־רונג אין וועלכער עס האָבן זיך באַטיי־ליגט משה עובד און א. מ. פֿוקס.

* *

די יידיש־ליטעראַרישע זונטיק־נאָכ־מיטאָגס פֿאַר די טשעכישע קינדער אין שעלטער גייען אָן מיט דער רעגעלמע־סיקייט ווי אונזערע שבת־נאָכמיטאָגס.

* *

פֿריינט פֿון יידישן לשון, האָט פֿון אַ גרופּע דערוואַקסענע פֿון די טשעכי־שע קינדער צוזאַמענגעשטעלט אַ טעאַ־טער־שטודיע אונטער די לייטונג פֿון שלמה קאָהן מיט דער מיטאַרבעט פֿון דאָראַ דימאַנט.

* *

איבער די „בענק האָלידעס" איז די „קינגהאָל" געשלאָסן. דעם הייגטיקן שבת, דעם 3־טן אויגוסט. עס קומט נישט פֿאָר קיין ליטעראַרישער נאָכ־מיטאָג.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

(קינגס־האָל, 83, קאָמערשעל רויד, א.1. — 3 אַ זייגער ביינאַכט)

שבת נחמו, (10־טן אויגוסט) וועט הרב דוב וואַרשאַווסקי רעדן איבער „משיח און יידישע גאולה אין דער אגדה". די קינסטלער שלמה קאָהן און דאָראַ דימאַנט וועלן דעקלאַמירן פּאָעזיע איבער נחמה.

שבת, דעם 17־טן וועט זיין געווידמעט די יידישע דיכטונג אין ענגלאַנד

שבת, דעם 24־טן וועט זיין געווידמעט די יידישע פּראָזע אין ענגלאַנד

שבת, דעם 31־טן וועט זיין געווידמעט דעם נאָר וואָס דערשינענעם בוך פֿון יעקב שמואל טויבש.



„טעאַטער ידיעות"

חודש־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פֿון „פֿאָלקס־הויז" (בית־עם) און פֿון נײַ־אידיש־טעאַטער אין לאָנדאָן. אין יעדן נומער דערשיינען אַקטועלע אַרטיקלען און ידיעות, וואָס זענען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אַנדערע לענדער.

פּרייז פֿון 1 נומער: 1 שילינג

אַדרעס:—

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.
Telephone : — BIS 1320.

די באַוואוסטע שוישפּילערין

**דינה האַלפּערין**

כּרעט אויף דעם גאַנצן חודש

אין גרענד פּאַליי טעאַטער

דער „מאָרגן - זשורנאַל"
פֿון ניו־יאָרק איז די פֿירנדע יידישע טאָג־צייטונג אין אַמעריקע.

דער „מאָרגן - זשורנאַל"
איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האַלט אויס אין לאָנדאָן אַ ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפֿיש צו אינפֿאָר־מירן טאָג־טעגלעך זייגע הונדער־טער טויזנטער לעזער וועגן אַל־געמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראָפּע.

די „מאָרגן - זשורנאַל"
לעזער אין לאָנדאָן און אין ענג־לאַנד קאָנען באַשטעלן די צײ־טונג, ווען זיי שיקן צו פֿאָראויס אַ טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £3.17.6 פֿאַר אַ יאָר, אָדער £1.19.0 פֿאַר זעקס חדשים.
שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אַדרעס (אין בלאָק־שריפֿט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויפֿן אַדרעס:

*JEWISH MORNING JOURNAL*, Europeon
Buraus, 66, Woodland,
Golders Green, London,
N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

ג ר ע נ ד  פּ אַ ל י י

**לאָנדאָנער אידישער טעאַטער**

מענעדזשערעס: מרס. נ. אייזיקאָוויטש

אונטער דער אָנפֿירונג פֿון מאַרק מאַרקאָוו

פֿאָרשטעלונגען שבת, זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, 7.30

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאָרריס מייער

די איינציגע טעגליכע

אידישע ציטונג אין

אייראָפּא.

יידישער ארבעטער
הילפס קאָמיטעט
אין ענגלאַנד

צו העלפן די יידישע ארבעטער
אין אייראָפּע

(רעגיסטרירט אונטער דעם מלחמה־
טשעריטעס אקט 1940)

18/18a, ST. GEORGE ST.,
HANOVER SQUARE, W.1

מיט אַלע קאָמיוניקאַציעס זיך
צו ווענדן צום

ערן־סעקרעטאַר ס. עלשטיין
18, וואָדלאַנד רייז, נ.10

נ י י - א י ד י ש   ט ע א ט ע ר
פאָלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1

דירעקטאָריום: וו. קאָסאָף, ה. רייפּעלזאָן, מרס. שאַפּירא.
טשערמאַן: מ. ביטלער. אָנפירונג: א. מייזעלס. האָנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער

און די קינסטלער קאָמפּאַניע לויט א"ב:

פרויען: אנא בוים, מארי גאָלדשטיין, קלאַראַ מייזעלס, מעטא סעגאַל,
אנא צעלניקער, מיני שערמאַן א.א.

מענער: מאָריס אַקסעלראָד, מאַקס בוים, דוד סעגאַל, א. פוקס, יאָזעף
שערמאַן, נייטען שווארץ, א.א.
און די געסט: מרים קאַראַלאָווא און לעאָן בלומענזאָן.

מוזיק דירעקטאָר: פהיל בערנשטיין.

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאָג געשלאָסן)
שבת און זונטאג מאַטינע 3 בייטאג
אוונט 7.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

זיבנטער יאָרגאַנג    סעפּטעמבער 1946 לאָנדאָן    **נומער 9** (העפט 80)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט:

1 א שטיקל חשבון הנפש צום נייעם יאָר תש"ז — ** . . . .
6 שכר ועונש, ביך ווייטאָג (לידער) — מ ש ה  ע ו ב ד . . .
9 וועלט — דער וואַכעדיקער נביא (עסיי) — ל ע אָ  ק ע נ י ג .
14 געטאָ גבורות — ד"ר  י ע ק ב  מ י ט ל י ס . . . .
18 פראַן שטורם (רעפּאָרטאַזש דערציילונג) — ז י י נ ו ו ל  ד י א מ א נ ט
א כותל מערבי באַלאָרע; דאָס מאַטראָסן ליד פון „ינור".
24 „בייבל־פּסוקים"... (צוויי ציטלידער) — א. נ.  ש ט ע נ צ ל
28 חתונה געהאַט (דערציילונג) — י.  ב י ע ט ש . . .
33 ב. באַראַכאָוו, נאַוואַטאָר און רעפאָרמאַטאָר — י ו ס ף  ה ל ל  ל ע ו ו י
39 שמועס מיט מאַקסים גאָרקי (עסיי) — פּ ר אָ פ.  ז ר ח  ג ר י נ ב ע ר ג
ווי נעמט מען א ביסל גלויבן אויף א רפואה? (אָלול־שטימונג)
43 — נ ח ו ת  ש ט ע נ צ ע ל . . . . . . .
וועלכן שוך דאַרף מען אַנטון פריער? אָדער שולחן ערוך ווערט
44 ווידער מאָדערן (פעליעטאָן) — י ע ק ב  ש מ ו א ל  ט ו י ב ש
49 דינה האַלפּערן — ש. י.  ד אָ ר פ ז אָ ן . . . . . .
50 דינה האַלפּערן אין לאָנדאָן — ד אָ ר א  ד י מ א נ ט . . .
54 משה עובד — מ.  מ י נ ד ע ל . . . . . .
56 דער טשיף ראַבײ ד"ר הערץ (פּאָרטרעט) — א פּ ע נ ה י י מ ע ר .
57 אויפבוי און אויסדרויער — א ל י ה ו  פ א ל ו ש א ק . . .
59 ידיעות מארבע כנפות הארץ — ** . . . . .
62 קולטור ידיעות פון דאָ — ** . . . . . .
63 לשנה טובה וואונטשן צום נייעם יאָר תש"ז . . . .
64 מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס . . .

**פרייז 1 שילינג**

אבאָנענטס־פּרייז: — 13/6 פאַר א יאָר;

אין אויסלאַנד: — 3 דאָלאַר א יאָר

1/3 פאַר א פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע

„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.